STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04437

# MOSHEH MELMAN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה מעלמאַן/ לעבן און שאַפן

דער טײַערער דבורהלען
מיט ליבשאַפֿט. [illegible]
[illegible] סעפּטעמבער 1984

# משה מעלמאן

## זיין לעבן און שאַפן, אפשאצונגען און

## זכרונות

ארויסגעגעבן פון דער משפחה
און געזעלשאפטלעכן קאָמיטעט
פון מפ"ם

1984

ירושלים

M. Melman
sa vie et créations
témoignages et mémoires

©

כל הזכויות שמורות

ספר זה לזכרו של הח' משה מלמן ז"ל

יוצא לאור ע"י משפחת מלמן ומפלגת הפועלים המאוחדת (מפ"ם)

בעזרת ועד ציבורי בהרכב: **ויקטור שם טוב** — מזכ"ל

**אריה שפיר** — ברית עולמית (נחשונים)

**מרים מיוחס**

**חנן ארז**

**לולה קובלנוב** — סניף ירושלים

**דוד שטוקפיש**

**מ. ספרן ז"ל** — (פריז)

**יוסף מיוחס** — סניף י-ם

# אינהאלט

## זיין שאפן


אברהם ביק: דער מענטש פון ספר און מעשים 9
מאקס מעלמאן: ביאָגראַפישע נאטיצן 17
קינדער יאָרן — ערשטע יאָרן אין פראנקרייך. — דער וועג קיין ביראָבידזשאן 23
פון זיין שרייבטיש 30
מיט די אייגענע צען פינגער. — שפּאַנענדיקע מעמוארן. — דער יידישער האטווערקער.
— די עפּאָפּייע מדינת ישראל. — דער קיבוץ א מאָדעל. — די צוואה פון אונדזער
פרייהייט (איבערזעצונג) —

אָפּשאַצונגען און זכרונות
גילה מעלמאן: צו דיר! 55
די לבנה איבער ירושלים. — א מעשהלע וועגן א בלייער
שארל מעלמאן: שווער צו זיין א יידישער טאטע 63
(איבערזעצט פון פראנצויזישן)
שארל דאָבושינסקי: דער אמת פון א בליק (איבערזעצט פון פראנצויזיש) 66
מאיר חרץ: אויסער די ראמען (לידער) 69
ה. בולאווקא: טריי זיין אידעאל 71
יעקב גוטפריינט — אייניקע מחשבות 76
מרדכי שנער: יאָרן און טעג 80
לאלא קובלאנאָוו: אין זיין קריז 87
שלמה שאפראן ז״ל: מאקס מעלמאן 89
ישראל נייגעבוירן: דער לעבנסוועג 91
י. לודען: מאקס מעלמאן 94
יוסף קערלער ליד 97
ד. שטאָקפיש: מאקס מעלמאן 96

המדור העברי
ימימה (שקד) ליסק: משה מֶלמן כאמן 100
מרים מיוחס: מ. מלמן 130
ל. אטינגר: אדם וידיד 132
אסתר וחיים גלברד: לזכרו של ידיד יקר 135
א. שריד: אופי לוחם ולב חם 136
יוסף מיוחס: כמו חי הוא נצב 139
מרים מיוחס: יד למשה בחורשת הקק״ל 140

אברהם ביק

# משה מעלמאן — דער מענטש פון ספר און מעשים טובים

## אנשטאָט אן ארייַנפיר

פאראן אין חסידיש־פאָלקישן געדאנקען־אוצר, אַ וואָרט פון גרויסן חסידישן בונטאר, ר׳ מענדל קאָצקער, וואָס קאן אָנגעווענדט ווערן אויף דער געשטאלט פון משה מעלמאן ז״ל. דער קאָצקער זאָל האָבן געזאָגט: מען האט דערציילט, אז געוויסע צדיקים זיינען בכוח מחיה מתים זיין. איך וויל מחיה חיים זיין, ארייַנאָטעמען מער לעבעדיקן אָטעם אין די לעבעדיקע.

משה מעלמאן, אַ זון פון חסידיש האָרעפּאשנע עלטערן, אין פאָרן חורבן צענטער פון פוילישן יידנטום, דאָס גייסטיקע הארץ פון פולבלוטיקער יידישער קולטור, אין אלע פאַזן, סיי דאָס רעליגיעזע יהדות און סיי די סעקולארע, וועלטלעכע, נאציאָנאל — סאציאלע יידישקייט, — איז אין זיין פריער יוגנט געווען אַ תלמיד אין ווארשעווער ״תחכמוני״ און געלערנט תורה — אינאיינעם מיט חברים, וואס זיינען שפּעטער געוואָרן שרייבער און דיכטער, דענקער און כלל־טוער פון פארשיידענע וועלטלעכע קרייזן. ער האָט — ווי ער האט מיר אליין דערציילט — געלערנט תורה ביים בריסקער גאון ר׳ משה סאלאווייטשיק. ער האָט אבער פון זיין קינדהייט אָן געהאט דעם כוח פון מרידה, פון בונטארישקייט, האָט ער פארלאָזן די ישיבה־באנק און זיך ארייַנגעוואָרפן מיט זיין גאנצער התלהבות אין דער סאָציאליסטיש־יידישער ארבעטער באַוועגונג, און מקיים געווען דעם דעוויז פון די קדמונים אין דער משנה: ״אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות״ — האָב ליב די מלאכה און האָב פיינט די רבנישע גרויסהאלטעריי. דער יונגער תלמיד חכם, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ בונה, אַ גייסטיקער בויער, איז געוואָרן אַ פיזישער בונה, אַ סטאָליער.

דער בונטאר, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן דער פרומער טראדיציע און אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, האָט אָבער מיט זיין גאנצן אידעאליסטישן ברען, אויך געצויגן זיין יניקה, מיטגענומען מיט זיך דעם

פרומען ברען, די חסידישע התלהבות; בעיקר איז ער פֿאַרבליבן, דער אוהב ספר, דער ליבהאָבער פֿון יידישן בוך. מיט דעם האָט ער באוויזן זיין אָנגעהעריקייט צו דער אלט־יידישער טראַדיציע. עס דאַרף דאָ אונטערשטראָכן ווערן אַז אפילו די יידיש־פּוילישע פֿרומקייט איז אין תוך געווען אַ בונטאַרע, מער ניט זי האָט אירע ביטערע טענות קעגן אומרעכט אויף דער וועלט געשליידערט קעגן די הימלען, בשעת מעלמאַן און זיינע חברים האָבן די מרידה, די בונטאַרישקייט, איבערגעטראָגן און איבערגעביטן אויפֿן קאַמף קעגן דער ערדישער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אויך דער יידישער קאָמוניזם, דער אַזויגערופֿענער אוואַנגאַרד פֿון אַרבעטער־קלאַס, האָט זיין קנאות, זיין קרבנות־גרייטקייט געשעפּט פֿון זעלבן מקור. משה מעלמאַן האָט שוין ניט געטראַכט וועגן יענער־וועלטלעכקייט, וועגן עולם הבא, נאָר וועגן ערדישן גליק פֿאַר אַלע באַ׳עולה׳טע און אונטערדריקטע, ער האָט געוואָלט מחיה חיים זיין. פֿאַרשענערן דאָס ערדישע, דער יונגער לערנער האָט מיט זיין גאַנצער ליידנשאַפֿט זיך געווידמעט דעם תיקון העולם.

ווי זיין גאַנצע קרייז יונגע אידעאַליסטן איז ער געשטויסן געוואָרן פֿון אַ כּוח, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער אידעע, און האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן מיט זיין זיין גאַנצן יידישן ברען אין קאַמף פֿאַר דער גאולה פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, ווערנדיק דערביי אויסגעשטעלט צו רדיפֿות און נגישות פֿון דער פּוילישער רעאַקציאָנערער מאַכט. די דאָזיקע אידעאַלן האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך קיין פֿראַנקרייך, וואו ער איז געווען אַ פֿאַכמענישער פֿאַבריק־אַרבעטער אין דער געהילץ־אינדוסטריע, איז אויך געוואָרן טעטיק אין די יידישע אַרבעטער און קולטור־קרייזן, און איז בעיקר פֿאַרכאַפּט געווארן פֿון דער אידעע פֿון אַזוי גערופֿענער ״יידישער מלוכה שאַפֿט״ אין ווייטן מזרח, וואוהין ער האָט אויסגעוואַנדערט מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין גילה, און אַן איין יאָריק עופֿהלע, זייער זון. וועגן זיינע איבערלעבענישן אין בּיראָבּידזשאַן האָט ער זיך געגרייט אָנצושרייבן אַ געניטעם ווערק פֿון קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, וואָס וואָלט אויפֿגעוויקלט פֿאַרן יידישן לייענער די גאַנצע טרויעריקע פּרשה פֿון יידן אין בּיראָבּידזשאַן, זיינע ליידן, זיינע פּלאָגענישן און זיין גרויסע אַנטוישונג, ממש ווי דער פֿאַרצייטיקער איוב ״מבשרי אחזה״ — פֿון מיין אייגענעם לייב און לעבן זע איך עס! ליידער איז פֿאַרבליבן פֿון דעם ווערק איין פֿראַגמענטאַרישער אָנוואָרף, וואָס דערשיינט אין דעם זכרון־בוך.

איך האָב זיך באקאנט מיט משה מעלמאַן אויף דער ערשטער אַל־אייראָפּייאישער קולטור־קאָנפערענץ („איקפּא“) אין פּאריז אין זומער 1948. דאָס איז שוין געווען זיין צווייטע לעבנס־סטאַדיע, ווען ער האָט באַנומען אַז דאָס באַזונדערע, דאָס נאַציאָנאַל־גורלדיקע פון יידישן פּראָבלעם טאָר ניט פאַרטושט ווערן אין אינטערנאַציאָנאַלן קאמף. עס זיינען אָפּגעלאָפן עלעבע יאָרן און ער האָט אינאיינעם מיט די בעסטע פון זיין דור באַנומען אַז דער צאַרישער אבסאָלוטיזם איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ צווייטן אבסאָלוטיזם, מיט אַ צוגאָב — רויטער אַנטיסעמיטיזם. און דאַן — די דריטע פאַזע, אָדער סטאַדיע אין זיין לעבן, זייַך עולה זיין מיט זיין לעבנס־חברטע קיין ישראל.

ער איז געקומען קיין ישראל ווי צו אַ לעצטער סטאַנציע און אַ העכערן שטאַפּל אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיין נאַציאָנאַל־סאָציאַלן אידעאַל. ער האָט ליב באַקומען די מולדת און זיך געזעלשאַפטלעך באַטייליקט אין די רייען פון דער ישראלדיגער פּאַראייניקטער ארבעטער פּאַרטיי (מפ״ם) מיט זיין האַסטיקייט און טעמפּעראַמענט, און איינצייטיק איז ער געווען פון די ערשטע גרונטלייגער פון יידישער קולטור־טעטיקייט אין ירושלים, וואָס ער האט געהאָלפן שאַפן, אינאיינעם מיט זיין לאַנג־יאָריקן פריינט, דעם דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער דוד ספאַרד ז״ל, דעם שרייבער פון די שורות און אַנדערע, יבדלו לחיים, די יידשער ליטעראַטור און קולטור אָרגאַניזאַציע „צוותא־ביידיש“.

דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן צום צווייטן מאָל, ווען ער האָט אין זומערדיגען שבת־נאָכמיטאָג מיך איינגעלאַדן אין זיין שיינער און וואַרעמער היים אויף רחוב רחל אמנו, אין דרום ירושלים, אויב איך מאַך קיין טעות ניט אויף אַן אויפנאַמע פאַר זיין פאַריזער קאָלעגע, דעם ראָמאַניסט און דערציילער בנימין שלעווין ז״ל.

איך פלעג זיך פון צייט צו צייט באַגעגענען מיט דעם פריינטלעכן און איידעלן בויער, דעם בונה, דעם ציגל־לייגער און מעבל־בויער פון יידישן בעסערן וואָרט אין דער אייביקער שטאָט.

מיר פלעגן זיך טרעפן אויף זיצונגען און קולטור־אימפּרעזיעס וועכענטלעך. אבער דער עיקר האב איך באַוואונדערט ווי ער פלעגט שלעפּן פעק מיט יידישע ביכער און צייטשריפטן פון זיין אויטאָמאָביל מיט אַזא שטראַליק־שמייכלענדיק פּנים און מיט אַזויפיל ליבשאַפט, ווי ער

וואָלט וועלן באווייזן אז דער גייסטיקער און מאטעריעלער עול, וואס ער נעמט אויף זיינע פלייצעס, איז אים ליב און טייער.

די לעצטע יאָרן האט ער זיך גענומען צו דער פען. ער האָט איבערזעצט פון פראנצויזיש דאָס. היסטאָרישע ווערק פון ל. טרעפער, "די רויטע קאפליע", אָנגעשריבן אַ פרעכטיקע רעצענזיע וועגן קריניציס מעמוארן־בוך, פארצייכנט אייניקע רעפעראטן, וואס דערשיינען אין דעם זכרון בוך פון זיין עזבון, פון זיין ליטערארישן נאכלאס. נאר צום באדויערן און ווייטיק אין די הערצער פון זיינע הונדערטער פריינט און חברים, האט זיין ווארעם הארץ אויפגעהערט צו קלאפן. מיר באדויערן זיינע ניט פארענדיקטע ווערק ניט ווייניקער ווי אים אליין. אין די הערצער פון זיינע פריינט וועט ער בלייבן ניט בלויז ווי איינער פון די פיאָנערן־בויער פון אוהל יידיש אין ירושלים, נאר אויך ווי אַ מענטש פון יידישן קינסטלערישן וואָרט, וואס זיין לעבן, זיין שירת חייו, נפסקה, איז פרי איבערגעריסן געוואָרן.

צום גליק זיינען פארבליבן פון אים אַ גרעסערע צאָל צייכענונגען און בילדער, ווי אַ באווייז אז געוויסע ליטערארישע פאָטענצען ווערן קאָמפענסירט דורך תוכיקער קונסט.

דער ארטיקל פון דער קונסט־שרייבערין ימימה ליסק, וואָס דערשיינט אין דעם בוך, רעדט וועגן די פארבאָרגענע קעמערלעך פון זיין קינסטלעריש שאפן, וואָס דורך זיי דערקענט מען דעם מענטשן, לויט פארב און קאָליר. אַ קונסט וואָס עפנט אלע פאַרבאָרגנקייטן פאר דער דערקענטעניש.

איך געדענק משה מעלמאן זכרו לברכה, ווי דעם מענטש פון ספר און דעם מענטש פון מעשים טובים, דעם מענטש, וואס דער טויט האט ניט אָפגעמעקט קיין איין שטריך פון זייך גייסטיק שעפעריש לעבן, ווי דאָס מאָנומענטאלע, וואס ווערט איינגעקריצט אין שטיין פון אַ טאלאנטירן סקלפטור אין שטיין און פעלז, אויף אלע אייביקייטן.

ער וועט פארבלייבן ווי דער מענטש וואס האט באררייכערט דאס לעבן, ווי איינער וואָס האט מחיה חיים געווען, און אזא וועט ער פארבלייבן, בצרור החיים, אין דער גאָלדערנער המשך־קייט פון צרור החיים, אין בונד פון אייביקן לעבן.

מאקס מעלמאַן

מאקס מעלמאן

# ביאָגראַפישע נאָטיצן

## — וואַרשע־קינדער יאָרן

ווי ווייט עס גרייכט מיין זכרון פון דער קינדהייט האָב איך זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט ביים סוף פון ערשטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט. איך זע זיך צום ערשטן מאָל אין אַ וואַרשעווער הויף אויף דער נאָוואָליפּיער גאַס. איך זע זיך אין אָט־דעם הויף וואו איך האָב אָנגעהויבן מיינע ערשטע קינדערישע שפּילערייען. איך זע אַלץ מטושטש ווי אין נעפּל.

מיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזט זייער געבוירן־אָרט, דאָס שטעטל פּולאַוו און זיך באַזעצט אין וואַרשע מיט די קינדער.

איך האָב געלערנט אין חדר, און נאָכדעם אין דער וואַרשעווער ישיבה "תחכמוני", וועמענס ראש ישיבה עס איז געווען דער באַרימטער גאון ר' משה סאָלאָווייטשיק. באַלד בין איך פאַריתומט געוואָרן פון מיין מוטער. איר טויט האָט געענדערט דאָס לעבן אין שטוב. דער עלטערער ברודער, נח, צו וועמען די מאַמע איז געווען באַזונדער צוגעבונדן, און אים אַרויסגעוויזן אַזויפיל וואַרעמקייט, און מיר, די צוויי עלטערע זין, מיט דעם מיזיניק יצחק'ל, זיינען דערפאַר געווען אַביסל אייפערזיכטיק. דער מוטערס טויט האָט אַזוי געווירקט אויף אים אַז אויפן דריטן טאָג נאָך איר קבורה איז ער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים אַריינגעבן אין טשיסטע־שפּיטאָל אין דער אָפּטיילונג פון ד"ר לעווין.

דער פאָטער האָט ווייזט אויס געשטילט זיין צער דורך באַשעפטיקן זיך מיט זיינע סטאָליאַרסקע עסקים. ער פלעגט אויפשטיין אינדערפרי, אָפּגעכאַפּט דאָס דאַווענען און איז אַוועק צו זיינע הילצערנע געשעפטן. עס איז נגזר געוואָרן אויף די עלטערע קינדער צו ווערן דער משגיח אויף די יינגסטע קינדער. בלית ברירה האָט זיך מיטאַמאָל אויף מיר אָוועקגעלייגט דער יאָך פון זיין דער אויפזעער און באַזאָרגער פון דער היים. באין ברירה האָב איך געמוזט פאַרלאָזן די ישיבה, כאָטש מיין פאָטער האָט עס שטאַרק באַדויערט.

מאקס און געלע און ווארשע 1926

## מיינע ערשטע יאָרן אין פראנקרייך

עס איז דאָס יאָר 1930. שוין דאס צווייטע יאָר ווי איך געפין זיך אין פאריז. געקומען קיין פראנקרייך בין איך אויף אן אומלעגאלן אופן, ווי אַ סך חברים מיינע, וואס זיינען אין יענע יאר געלאָפן פון מזרח אייראפע אויף מערב. עס רעדט זיך אזוי "געלאָפן". עס איז געווען א"שווארצן גרנעצן", טשעכישע, דייטשע און בעלגישע, מיט פאלשע פעסער, וואס מיר האָבן באקומען, מיר אַ צוויי צענדליק "לויפערס", יונגע מענטשן. אונדזערע "באזארגער" האבן אונדז געפירט צו די פאַראויס־באשטימטע פונקטן, צו הערמעטיש־פארמאכטע גרענעצן, וואס האָבן אָפגעטיילט לענדער, פונקטן וואָס האָבן געהאט אן עפענונג.

ניט געקוקט וואָס איך בין געקומען קיין פראנקרייך אומלעגאל, האָב איך באוויזן צו ארבעטן ביי מיין סטאָליער־פאך. געוואוינט האב איך אין אַ קליין אָרעמען האָטעלעכל, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אַ סטאָלערײַ־אויסארבעטונג, ניט ווייט פון בעסטיאל־פלאץ אין פאריזש. כאטש איך האָב דאָ פארדינט מער ווי בעת איך האב געארבעט אין ווארשע ביי מיין פאך, — האָב איך זיך דאָ געשפירט עלנט און פארלוירן. איך האָב געבענקט אַ היים. אַ שטארקן חלק אין דער בענקעניש האָט געהאט די גרענעצלאָזע ליבע. צו אַ מיידל וואָס איך האָב איבערגלאזט אין ווארשע. ווען ניט דער פראָצעס וואס האט מיך דערווארט אין ווארשע, וואָלט איך זיך גלייך אומגעקערט אהין. אזוי גרויס איז געווען מיין בענקשאפט.

אין די אָוונטן, אַ שטארק מידער און אויסגעשעפטער פון אַ ניין־שעה'דיקן ארבעטסטאָג, וואס איז אין יענע צייטן אָנגעגאנגען אין די קליינע פאבריקן, האָב איך געלערנט אויף אָוונט־קורסן די פראנצויזיש שפראך, אינאיינעם מיט חברים פון דער קולטור־ליגע אויף דער גאס רי לאָנקריי, ניי־איינגוואנדערטע חברים, וואָס האָבן זיך קעגזייטיק ארויסגעהאלפן און געלינדערט די ווייטאקן, דעם עלנט פון די עמיגראנטן, פיל פון זיי פּאָליטיש־פּאָרפאלגטע. די טרעפונגען אונדזערע אין די אָוונטן אין דער קולטור־ליגע, די אָפטע פארזאמלונגען און

פאָרלעזונגען האבן אביסל אויפגעהייטערט דאָס געמיט און געלינדערט דעם שווערן מצב פון אונדזער אומלעגאלן קיום. דעם איינציקן דאָקומענט, וואס איך האָב פארמאגט איז געווען אַ קליינע אידנטיטעט־קארטע פון דעם ווארשעווער שטאָט־ראט.

די אָפטע אָבלאוועס, די שרעק ארייננצפואלן אין די הענט פון דער פאליציי, וואָס האָבן געדראָט אן ארויסווייז פון פראנקריך און מיט פארלירן די ארבעט, און ארויסגעשטעלט ווערן צו דער בעלגישער גרענעץ, — דאָס אלץ האָט פארביטערט דאָס לעבן. איך האָב די ערשטע צייט געזוכט אַ סטאבילן ארבעט־פלאץ און די חברים, וואס האָבן זיך שוין געפונען אין פאריז אַ לענגערע צייט, האָבן מיך געראטן צוריקצופאָרן קיין פוילן, ווייל דאָרט וועט מיר זיין גרינגער צו לעבן אומלעגאל, אפילו אויב איך וועל זיך ניט צושטעלן צום פראָצעס.

אין מיין פארצווייפלטער לאגע האָב איך ניט געוואוסט וואס צו טאן און בין געגאנגען צו מיין עלטערן חבר, אַ קאלעגע אין פאך און פארטיי־אָנגעהעריקייט אין ווארשע, ה. ב. זיך צו האלטן אן עצה. ער האט געוואוינט אין אַ שלעכט־מעבלירטער דירה און איך זע עד היום פאר מיינע אויגן דאָס איינציקע צימערל אויפן פינפטן שטאָק וואו ער האט געוואוינט מיט זיין פרוי און צוויי קליינע קינדערלאך. די רויטע בראָנקע, זיין פרוי, האט נאך אַ שווערן טאָג ארבעט געגרייט נאכט־עסן אויף אן אייוועלע וואָס האָט שטארק גערויכערט. דאָס קליינוואַרג אויף זייערע נאכט־טעפעלעך האבן אין זיך ארייננגעצויגן דעם ריח פון די געקאָכטע ציבעלעס. מען איז געזעסן אויפן בעט, דאָס איינציקע שטיק מעבל. אזוי האט אויסגעזען דאס לעבן פון אַ יידישן ארבעטער־אימיגראנט אין פאריז.

מיין עלטערער חבר האט מיך געראטן צוריקצופָארן, אבער איך האב זיין ראט ניט אָנגענומען. איך האב באשלאָסן זיך צו לעגאליזירן אין פראנקרייך און פאר דעם גענוצט פארשיידענע וועגן און מיטלען, ווי באקאנטשאפט מיט פערזענלבקייטן, פראטעקציע, "ווינקל־אדוואקאטן", ביז מיר איז געלונגען צו באקומען ארבעט בא מיין פאך אין אַ גרעסערער פאבריק, וואָס האָט זיך געפונען אין צפון־פראנקרייך, אין שטעטל רעמעסי, ניט ווייט פון דער בעלגישער גרענעץ. מיין ארבעט האָט דערמעגלעכט זיך צו לעגאליזירן און פארבלייבן אין לאנד מיט אַ רעכט אויף ארבעט. די ארבעטס־באדינגונגען זיינען דאָ געווען בעסער ווי אין די

קליינע פאבריקן. מיין פאך־קענטניש, מיין קוואליפצירטקייט האט מיר גיך געגעבן פרעסטיזש און געהעכערט מיין לוין. אין דער דאָזיקער פאבריק האָבן געארבעט פארשיינע ארבעטער איינגעוואַדערטע פון סערביע, פון טשעכיע און און אויך פוילישע סטאליער־ארבעטער. נוט ווייט פון מיין פאבריק־שטעטל איז געווען אַ גרויסע פאבריק פון וואגאנען־אויסארבעטונג, וואס האט זיך גערופן "פראנק־בעלזש". דארט האבן געארבעט טויזנטער ארבעטער פון פארשיידנע בארופן, צווישן זיי עטלעכע הונדערט אין דער סטאָלערישער אָפטיילונג. מיין געפינען זיך אין דער סביבה, צום ערשטן מאל אין מיין לעבן, האָט מיך שטארק באווירקט. איך קען עד היום ניט פארגעסן דעם איינדרוק וואָס די פאבריק מיט אירע טויערן, וואָס האבן זיך געעפנט מיט אַ גרילץ, האט אויף מיר געמאכט. אין האב צום ערשטן מאל געזען ווי די ארבעטער שטעלן זיך אָפ ביי אַ זייגער און שטעמפלען אָפ זייער נאָמען און די צייט פון זייער קומען און אוועקגין. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערזען אַ ניעם סאָרט "פראָלעטאריאט"...

עס האָט ניט גענומען לאנג און איך האָב פארקניפט מיין פארטייאישע פארבינדונג. דער סעקרעטאר פון פארטיי־קעמערל, אַן עלטערער פראנצויז, אַ סימפאטישע פערזאָן, האט מיר ארויסגעוויזן פריינטשאפט און אויך די ארבעטער פון מיין פאך האבן מיך מקרב געווען. הגם איך בין געווען געוואוינט צו קאָנספיראציע, האָבן זיי מיך געוואָרנט ניט ארויסווייזן מיין פארטיי־אָנגעהעריקייט, נאָר זיך באנוגענען מיט לייענען די טאָג־צייטונג "הומאניטע". איך האָב אָבער באשלאָסן צו אָרגאניזירן די פוילשע סטאליער־ארבעטער אין מיין אָפטיילונג, און האָב געזוכט פארשיידענע מיטלען, ווי צו ווירקן אויף זיי, אָבער זייער שנאה צו מיר אלס ייד, האט איבערגעוואויגן. קיין סך יידישע ארבעטער זיינען אין דער פאבריק ניט געווען. צווישן די סטאליער־ארבעטער בין איך געווען דער איינציקער ייד. מיט די פראנצויזישע און בעלגישע ארבעטער האָב איך אָנגעקניפט פריינטשאפט, אָבער ניט מיט די פאליאקן. זיי פלעגן זיך באמיען אָפצוטאָן פארשיידענע שטיקלך, ווי צונעמען געוויסע ארבעטס־געצייג, בויעלרלעך פון פארשיידנער גרויס א. ז. וו.

נאך עטלעכע חדשים פון מיין ארבעט אין דער פאבריק איז אין שכנותדיקן שטעטל אנזאן פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די קוילנגרעבער. אלע פארטיי־מיטגידער פון דעם ראיאָן, זיינען מאביליזירט געווארן צו

העלפן די שטרייקנדיקע. דער באשלוס פון דער פארטיי איז ניט געווען חל אויף די אויסלענדישע ארבעטער. די הילף פאר די שטריי־קנדיקע איז באשטאנען אין שטיין אויף אלע פיקעטן קעגן די שטרייקברערער, זאמלען געלט. אן אויסלענדישער ארבעטער, וואָס האָט געהאָלפן די שטרייקערס האט געדראָט ארויסגשיקט ווערן פון לאנד. איך האָב אבער ניט געקאנט פועלן ביי זיך ניט העלפן דעם שטרייק אלס איבערצייגטער קאָמוניסט. איך האָב דערקלערט דעם שעף פון מיין אפטיילונג, איז איך וועל עטלעכע טעג נייט קומען צו דער ארבעט, ווייל איך מוז פאָרן קיין פאריז אראָפברענגען מיין פרוי. אבער ער האט זיך, פארשטייט זיך, אָנגעשטויסן אין וואָס עס האנדלט זיך...

אין אַ קאלטן הארבסטיקן פרימאָרגן, ציטערנדיק פון קעלט, בין איך געשטאנען ביים אריינגאנג צו די קוילן־גריבער מינעס, אין איין ריי מיט די פיקעטערס. איך האב אין דער אמתן אביסל געציטערט פון פחד פאר די פאָלציי־אגענטען, וואָס האָבן געלויערט ביי די קוילן־גרובן. יענער פרימאָרגן האט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. אָבער דאָס איז געווען מיין ערשטע פארטיי־טעטיקייט זינט איך האָב פארלאָזן פוילן און עס האָט געהויבן מיין מאָראל. שפעטער האב איך פארשפרייט פראפאגאנדע־ליטעראטור אויף אַ דיסקרעטן אופן.

עטלעכע טעג נאכדעם בין איך אוועק קיין פאריז און אראָפגעבראכט אהער מיין פרוי. מיר האבן געוואוינט אין אַ האָטעל, עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דער פאבריק און די רייזע מיט דער טראמוויי האט ביי מיר אוועקגערויבט גאנצע צוויי שעה. געגעסן האב איך אין דער קאנטינע, אַ מין רעסטאראן. דער ארבעטס־טאָג איז געווען לאנג. איך פלעג אויפשטיין, אַ ניט אויסגעשלאפענער 6 אינדערפרי, כדי צו כאפן דעם טראמוויי וואס איז געפארן אין דער ריכטונג פון דער פאבריק יעדער דרייפערטל שעה. ארום זיבן אין אוונט האב איך זיך אומגעקערט אַ היים אַ טויט־מידער און געהאט צער וואס מיין פרוי דארף בלייבן איינע אליין אין האָטעל גאנצע 12 שעה, ניט קענענדיק די שפראך פון לאנד. אין דער היים האב איך בלויז באוויזן דורכצולייענען די פרעסע און עטלעכע זשורנאלן. דאס לייענען איז מיר אָנגעקומען שווער ווייל איך בין געווען מיד און די אויגן האבן מיר זיך געקלעפט. אבער אין דער פאבריק צווישן די ארבעטער האב איך זיך געשפירט ווי אַ פיש אין וואסער. נאך עטלעכע

חדשים ארבעט בין איך באשטימט געוואָרן אלס אויפזעער פון 12 ארבעטער. מיין ארבעטס־לוין איז געהעכערט געווארן און איך האב אויך פארשטארקט מיין פארטיי־טעטיקייט און בין דערוויילט געווארן אלס מיטגליד פון ראַיאָן־קאמיטעט.

אין שפעטן הארבסט בין איך צוריגעקומען קיין פאריז. איך האב שוין געהאט אין מיין באזיץ אן אפיציעלע וואוין־קארטע מיט באגרענעצטער רעכט אויף ארבעט־א דאָקומענט, וואָס האָט מיר דערלויבט זיך פריי באוועגן און אויך אביסל אָפגעשפאָרט געלט. אבער בעת מיין צוריקקער אין פאריז איז די זארג פאר מארגן ניט פארשוואונדן. מין פרוי האָט געוואוינט ביי איר שוועסטער און געארבעט ביי אַ יידן אין אַ קליין שטריקער ווארשטאטל. די באדינגונגען זיינען געווען פיינלעך. דער לוין — אַ נישטיקער. צרות האבן ניט געפעלט.

מיר זיינען נאָכדעם אוועק וואוינען אין אַ האָטעל־צימער ניט ווייט פון דער באסטיל. איך האָב אָבער ניט געלאזן מיין פרוי ארבעטן אין די שרקלעכע באדינגונגען. כאָטש אין לאנד האט געהערשט אן עקאָנאָמישער קריזיס און ס׳איז געווען שווער צו קריגן ארבעט, האָב איך אָפגעמאכט ביי זיך צו פאראנקערן זיך אין פראנקרייך און דאָ צו בויען מיין היים. איך האב געפונען ארבעט ביי צוויי יידישע שותפים, וואָס האָבן געהאלטן אַ קליינע סטאָלעריי אין דער געגנט פון ״פלאס רעפובליק״. לאנג האב איך דאָרט ניט געארבעט.

מיר האָבן זיך אריבער געצויגן אין ארבעטער־קווארטאל פון פאריזש, ניט ווייט פון בעלוויל, וואס איז געווען די געגנט פון דער ידישער עמיגראציע.

★ ★
★

# דער וועג קיין ביראָבידזשאַן

## פּלאַן פון די זכרונות

באַמערקונג פון רעדאַקטאָר:

דער מחבר משה מעלמאַן האָט פאַר זיך פאַרצייכנט די פאָלגענדע נאָטיצן פאַר זיינע זכרונות וועגן זיין רייזע קיין ביראָבידזשאַן אונטערן טיטול: "**פאַרוואָס און צוואָס**".

א. די באַדינגונגען פון יידישע אַרבעטער אין פּאַריז 1930.

ב. יונגע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַציע.

ג. וויאַזוי די רעקרוטירונג האָט זיך אָנגעהויבן אין פראַנקרייך.

ד. פון וועלכע עלעמענטן זיינען באַשטאַנען די יידן וואָס זיינען געפאָרן? — אַרבעטער און מיטל־שיכט. דער רוב מיט אידייאַישן באַוואוסטזיין און געזעלשאַפטלעכע פאַרגאַנגענהייט.

ה. דער וועג — בערלין, ריגע ניעגראָלאָווע — מאָסקווע — בלומבערג.

ו. 19 מעת־לעת.

ז. אָנגעקומען סוף אלול 1932.

ח. טיכאָנקאַיאַ.

ט. סאַשאַ און גרישאַ.

י. דער אויפנאַם צימער.

יא. פּיבראַליט זאַוואָד.

יב. די פירער: ראַשקע, לעווין, סטאָלאָוו, ראַכעוואַלסקי.

רעזומע:

1930 — פינף־יאָריקער פּלאַן פון קאָמזעט. יידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטן פאַרבאַנד. 2.853000 פאַרוואַנדלען 52 פּראָצענט פולן דער באַפעלקערונג אין פּראָדוקטיווע עלעמענטן. די קעגנזייטיקייט, אַסימילאַציע. דאָס שאַפן אַ סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע היים פאַר יידן.

דער הינטערגרונט פון דער לאַגע. די צילן פון דער ראַטן־מאַכט: זיך באַפרייען פון אומזיכערע דעקלאַסירטע עלעמענטן. באַפעלקערן אַ געביט קעגן יאַפּאַנעזיש־כינעזישן שונא, מלחמה קעגן יאַפּאַן און מאַנדזשוריע.

צו לעזן דעם יידן פּראָבלעם איז ניט גענוג די סאָציאַלע באַפרייאונג. כּדי צו דערגרייכן נאַציאָנאַלע רעכטן איז נויטיק צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע.

לײדער איז פון דעם פּלאַן פאַרבליבן און זיין עזבון, די ווייטערדיקע שורות.

## דער שווערער באַשלוס

עס איז געווען אין פרילינג 1931. גענוי די דאַטע קען איך זיך ניט דערמאָנען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ידיעות אַז אויסלענדישע יידן פאָרן זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן. די ידיעות זיינען בעיקר געקומען פון פאַרשיידענע טעלעגראַפן־אַגענטורן, וואָס די יידישע פּרעסע האָט אויפגעכאַפּט, צו וועקן דעם אינטערעס פון דער יידישער באַפעלקערונג. באַזונדערס צווישן די יידן, וואָס האָבן נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה פאַרלאָזן זייערע היימען אין מזרח אייראָפּע און זיך באַזעצט אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, ווי פראַנקרייך און בעלגיע.

די דאָזיקע יידן האָבן נאָכגעפאָלגט מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די באַציאונג מצד דעם ניי־אנטשטאַנענעם סאָוועטישן רעזשים אין רוסלאַנד, און די אופנים וואָס זיי וועלן אָן אומקערן די סאָוועטישע יידן צו נאָרמאַלער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

נאָך די פּאָגראָמען און די שחיטות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, איז געווען פאַרשטענדלעך די גרויסע סימפּאַטיעס פון היבשע טיילן יידן אין די מערב־לענדער, באַזונדערס פון די יידישע אַרבעטער שיכטן, צו דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס האָט אין ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן אַ ברייטע פאַרשטענדעניש פאַר די יידישע נויטן. צום מערסטנס האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אויפן קולטורעלן געביט.

אין יענער צייט האָט אַ באַרימטער יידיש־דייטשער שריפטשטעלער, יוסף ראָט, געשריבן אין זיין בוך "דער וואַנדערנדיקער ייד": "אויב די יידן־פראַגע וועט געלייזט ווערן אין רוסלאַנד, וועט זי אויך געלייזט ווערן אין אַנדערע לענדער. עס וועלן מער ניט זיין קיין עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, נאָר עמיגראַנטן **קיין** רוסלאַנד. די רעליגיעזע פאָראורטיילן צווישן די ברייטע מאַסן וועלן אָפּגעשוואַכט ווערן, די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע

פארצוימונגען וועלן געהאמעוועט ווערן אויב די אנטוויקלונג וועט פאַרגעזעצט ווערן. דאס וועט מאכן אַ סוף צום ציוניזם, צום אנטיסעמיטיזם און אפשר אויך צום יודאאיזם. טייל יידן וועלן זיך פרייען און אַ טייל וועט באדויערן. אָבער יעדער איינער דארף מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקיט נאָכפאָלגן דעם פראָצעס וויאזוי אַ פאָלק באפרייט זיך פון דער חרפה צו ליידן, די קללה פון וועלכע יידן האָבן אזויפיל געליטן. דאָס איז איינע פון די גרוסע היסטאָרישע פארדינסטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע״.

פאר דעם שרייבער פון די שורות איז דער עניין אווקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פראָבלעם, ווי פאר אַ יידן, וואָס איז טעטיק סיי אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג און סיי אין דער יידישער סביבה. מיר האָט פאראינטערעגירט דער געדאנק פון דער טעריטאָריעלער קאָנצעטראציע פון יידישן פאלק. כהאָב שוין געהאט באוויזן אויפצושטעלן אַ משפחהלע און אן אייגן ווארשטאטל און פארזיכערן מיין רעכטלעכע פאָזיציע לגבי דער געזעצגעבונג אין פראנצויזישן לאנד. כ׳האב שוין געמעגט ארבעטן פאר זיך אין פראנקרייך אלס אַ האנטווערקער אָדער אונטערנעמער. באלד זיינען אנטשטאנען קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט דער פראגע פון ביראָבידזשאן. אין די אייראפייאישע לענדער און אין לאטיין־אמעריקע האָט די ארגאניזאציע ״געזערד״ און ״פראָקאָר״, ארגאניזירט גרופעס, אין צפון אמעריקע דער ״איקאָר״, מיטן ציל צו באוועגן יידן צו פאָרן העלפן בויען די אויטאָנאָמע יידישע געגנט אויפן ווייטן מזרח.

פארשטייט זיך אז די אלע ידיעות האבן גערייצט און אָנגעצונדען מיין פאנטאזיע און מיך האָט אנגהויבן לאָקן דער געדאנק פון יידישער טעריטאָריעלער קאָנצעטראציע. דער געדאנק פון מיין אָנשליסן זיך אין דער גרופע איינוואנדערער פון פראנקרייך האָט זיך אוועקגעשטעלט זייער הארב. ווי אזוי האב איך געקאנט באשליסן זיך צו לאָזן אויף אַ ווייטן אומבאקאנטן וועג, וואָס דארף דויערן לאנגע מעת־לעתן, מיט אַ קינד, אַ שוועלבעל, וואס איז אלט געוועז אַ קארג יאָר, אונדזער זון חיימ׳ל.

געוועז איז עס דעם 27סטן יוני 1932. איך געדענק ניט צי דער טאג איז געוועז מאנטיק אדער דאָנערשטיק, אָבער אלע אנדערע פרטים, אפילו די קלענסטע, וועקן זיך איבער אין מיין זכרון, אָט ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען נעכטן. דער טאג איז געוועז אַ הייסער און ניט ווייניקער הייס זיינען

געוועז די געמיטער פון דער גרופּע יידן, וואָס האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן. דאָס אומדערוואַרטעטע און אומבאַקאַנטע האָט אויך טיילוויז געשראָקן. אין אָוונט גייט אָפּ די באַן פון מזרח־סטאַנציע ("גאַר די לעסט) אין פּאַריז מיט עטלעכע און פערציק איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן. אָך קאָן זיך ניט דערמאָנען זייער געגוויע צאָל.

א גרויסער טייל פון מיינע נאָענטע חברים זיינען געוועז דורכגענומען פון פחד־געפילן. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פירן די גרופּע, און אויסגעדריקט פריינטשאַפט און ניט ווייניק באַוואונדערונג פאַר מיין וואַגן זיך לאָזן אויף אַזאַ ווייטן וועג מיט אַן איין־יאָריק קינד. איצט, אין רעטראָספּעקטיוו, נאָך אַזויפיל יאָרן, פרעג איך זיך אליין: וויאַזוי האָסטו געוואַגט צו נעמען אויף זיך די ריזיקע פון איינשטעלן דאָס לעבן, פון אונזער חיימלען, וועלכן איך און מיין פרוי געלע האָבן באַטראַכט ווי דאָס שענסטע און הייליקסטע פון אונדזער צוזאַמענלעבן? וויאַזוי קאָן איך עס דערקלערן; איז עס געוועז פון מיין זייט אַ מין אומבאַרעכנטער אוואַנטוריזם? — ניין, זאָג איך זיך אליין. איך קאָן עס נאָר דערקלערן מיט דעם ענטפער וואָס איז שוין היינט צו טאָג, און פון לאַנג אָפּגעפרעגט געוואָרן דורך דער ווירקלעכקייט — דאָס איז געוועז אונדזער שטאַרקער און נאַיווער גלויבן אין ראַטן פאַרבאַנד און אין די ברייטע מעגלעכקייטן פון דערציאונג וואָס מיר וועלן דאָרט קאָנען געבן אונדזער קינד.

אָבער ווי שנעל דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוועפּט, ווי גיך אַלע אילוזיעס זיינען פאַרשוואונדן. נאָך עטלעכע חדשים פאַר אונדזער אָפּפאָרן האָב איך באַקומען אַ בריוו פון בלומבענבערגן, סעקרעטאַר פון מאַסקווער געזערד, אין וועלכן ער האָט געענטפערט אויף מיין אָנפראַגע, צי קאָן איך זיך לאָזן אויף אַזאַ ווייטן דרך מיט אַן איין־יאָריק עופהלע. אין יענעם בריוו האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז די קינדער־יאַסלעס אין ביראָבידזשאַן זיינען די בעסטע און די שענסטע און ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

א שטיק צייט פאַר אונדזער אָפּפאָרן זיינען אין דער פּרעסע דערשינען נאָטיצן וועגן אונדזער רייזע, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס נייגער. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט וואו עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער סאָוועטישער רוף. אויך די די בראשור וואָס איך האָב

אנגעשריבן וואָס סהאט אויף אַ פּאָפּולערן אופן דערקלערט דעם גאנצן ענין פון ביראָבידזשאַן — האָט אלעמען פאראינטערגירט. וועגן דעם דארף מען שרייבן פּרטימדיקער.

מיר האָבן אויך באקומען געוויסע אָנווייזונגען פון מאסקווער געזערד. ווי למשל, אז מירן זאלן מאבן אלע באמיאונגען, אז די קאנדידאטן וואס פאָרן קיין ביראבידזשאן זאלן געהערן בעיקר צו דער בראנזשע פון היטל־מאכער, שעלקע און קאמאשן־מאכער, א.א. ז. וו. נאָכן דערהאלטן דעם בריוו הָאט אונדזער קאָמיטעט פאר דער איבערוואנדערונג באשלאָסן ארויסצוגעבן אַ פּאָפּולערע בראשור, וואס זאל באקענען דעם יידישן עולם מיט דער גאנצער פראגע. לויטן פאָרשלאג פון די די ח״ח לעאָ קאץ אָדער שראגער, וואָס האָבן אנטיילגענומען אויף אַ זיצונג, איז אויף מיר ארויפגעלייגט געווארן די פליכט און דער זכות אָנצושרייבן די בראשור, וואָס די פארטיי האט געדארפט ארויסגעבן. דאָס איז ניט געווען פון די גרינגע זאכן, ווייל די ליטעראטור אויף יידיש, וואָס איך האָב געהאט אין פאריז, איז געווען פונעם סאָרט פראפאגאנדע־ליטעראטור, און האָט ניט אָנגעגעבן קיין גענויע ציפערן וועגן דער באפעלקערונג פון ביראָבידזשאן, איר קלימאט, אירע עקאָנאָמישע באדינגונגען, א. אז. וו. איך האב אויך ניט געקענט ענטפערן אויף די פראגן, פארוואָס די יידישע טעריטאָריע דארף עטאבלירט ווערן דווקא אין ווייטן מזרח און ניט אין קרים? אנשטאָט פאקטן און ציפערן האָבן מיר באקומען פון מאסקווער געזערד שריפטן פון קאלינינס דעקלעראציע, סטאלינס באהאנדלונג פון דער נאציאנאלער פראגע. בקיצור עס איז געווען פאר מיר אַ שווערע אויפגאבע.

נאך עטלעכע זיצונגען האָט מען באשלאָסן אז איך זאל אַ נאָמען געבן די בראשור: ״פארוואס מען דארף פארטיידיקן דעם ראטן־פארבאנד?״ היות ווי דעמאלט איז אָנגעגאנגען די מלחמה צווישן ר. פ. און יאפאן.

איך האָב זיך קעגנגעשטעלט און געפּאָדערט מיין נאָמען זאָל ניט דערשינען אויף דער בראָשור, אָבער עס האט ניט געהאָלפן. די טויזנט עקזעמפלארן וואָס זיינען דערשינען, זיינען גלייך אויסגעבאפט געוואָרן. דער אינטערעס אין ביראָבידזשאן איז געווען אזוי גרויס, אז יעדער געדרוקט וואָרט, יעדעס אות, האָט פאראידטערעסירט דעם יידישן לייענער.

אין טיכאָנקאַיא, ביראָבידזשאן 1932

די פּערטע פון רעבטס געלע מיטן זון און מאקס

ביר. איז נישט קיין געאָגראַפֿישער נאָמען
[illegible] אין אַדמיניסטראַציע.
[illegible] צו די [illegible] אין [illegible].
[illegible] פֿון דעם לאַנד.
דער נאָמען איז אַ [illegible] פֿון די
צוויי טײַכן וואָס גייען דורך פֿון דעם
גרויסן טײַך אַמור
[illegible] איז די ערשטע [illegible]
[illegible] פֿון כאַבאַראָווסק
[illegible] נאָמען די ~~[illegible]~~
דעם [illegible] פֿון [illegible]
[illegible]
[illegible] אויטאָנאָמע [illegible]
די [illegible] ~~[illegible]~~ [illegible]
די ערשטע אין [illegible] [illegible]
[illegible] דורך [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]
פֿון [illegible] [illegible]. [illegible].
[illegible] ~~[illegible]~~ ~~[illegible]~~ [illegible]
1929 [illegible] [illegible] די ערשטע
פֿיר [illegible] [illegible] [illegible].
[illegible] פֿון [illegible] אָקטאָבער 1930
איז ב.ד. [illegible] געוואָרן אין [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] איז [illegible]
[illegible] פֿון דעם [illegible]
[illegible]. [illegible] איז געוואָרן [illegible]
[illegible] פֿון [illegible] די [illegible]
[illegible] – אין [illegible] [illegible]
[illegible]

# פון זיין שרייבטיש

## פארצייכענונגען און נאָטיצן
## הקם עלמא, מיט די אייגענע צען פינגער

שוין פארביי אַ שיינע פּאָר יאָר זינט עס איז דערשינען, אין אן אויסגעצייכנטער יידישער איבערזעצונג פון עברית, אַ בוך פון אברהם קריניצי, דער ראש העיר פון רמת־גן. דאָס דאָזיקע ווערק איז כראָניק פון אַ קעמפעריש לעבן, אָנגעשריבן דורך איינעם פון די אקטיווסטע און שעפערישסטע בויער פון מדינת ישראל. אַ כראָניק פון יענע בראשית־יארן. מיך וואונדערט באמת וואס דאזיקע בוך איז כמעט ניט באמערקט געוואָרן אין די תפוצות און דער ברייטער יידישער עולם איז מיט אים ניט באקאנט.

ווען אַ ייד פון חוץ־לארץ, איך מיין אַ יידן, וואָס מען באצייכנט געוויינלעך ווי „א ייד פון גאנץ יאָר", איז עולה אדער באזוכט ישראל, זעט דאָס לאנד (וואס איז אגב דאָס לאנד פון כל ישראל) אין איר פולן בלי־באטראכט דאס לאנד פון אונדזער חומש׳ל, פון תנ״ך, און זעט ווי אין מיטן פון שווערע און ביטערע מלחמות, געפינט זיך דאָס לאנד אין פולן שוואונג פון בוי און אופבוי, וואָס פארכאפּט דעם אָטעם, באנעמט ער גאָרניט מיט זיין פשוטן שכל הישר, דעם אמת פון יענער פרעכטיקער שורה אין ליד פון העברעאישן פּאָעט, נתן אלטערמאן: „א לאנד ווערט נישט אונטערגעטראָגן אויף אַ זילבערנער טאץ"; און מען באנעמט ניט אז דאָס האָבן יידישע שוועסטער און ברידער, עס דורכגעטראגן און געבויט מיט אייגן שווייס און אָפּט אויך מיט בלוט. יא, געבויט, געוואכט, געקעמפט און דערפירט צום אויפבלי.

וויאזוי דער דאָזיקער אויפבוי איז געשען? אויף דער שאלה קאָן דער התפעלותדיקער ייד ניט געבן קיין קלארע תשובה. שווער זי פּאָרצושטעלן די אומגהייערע קרבנת־גרייטקייט, און נאך שווערער איז זיך צו שאפן אַ בילד וועגן דער אידעאישער וויזיע מיט וועלכער די קעמפער, די שאפער און בויער, זיינען געווען באהויכט און וואס עס האט זיי געגעבן כוח און מוט צו פארוואנדלען די דאָזיקע וויזיע אין אַ ווירקלעכקייט.

מען דאַרף למען האמת אונטערשטרייכן אַז ווען דעם בראשית, וועגן דעם עבר, דער פאַרגאַנגעהייט פון דעם היסטאָרישן חלוצישן אויפבוי־ווערק, איז שוין פאַראַן היבשע ליטעראַטור, מען קאָן זאָגן אַ פאַרצווייגטע ליטעראַטור, פאַרשטייט זיך מערסטנס אין עברית און זייער ווייניק אין מאַמע־לשון. מיר דאַכט אָבער אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסער חסרון אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור, ווייל די זכרונות זיינען געשריבן פון גייסט־מענטשן, געזעלשאַפטלעכע מנהיגים, פען־מענטשן, אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט אָדער מיט קאָנגרעסעווען, רעזאָלוציעס, עסקנים און רעדל־פירער אָדער ליטעראַטן און זייער ווייניק האָבן באַשריבן דאָס גרויע טאָג־טעגלעכע קעמפעריש לעבן. די פּראָבלעמטיק פון אַזאַ זכרונות־זשאַנר, ווי פאַכמענעריש זי איז געשריבן געוואָרן האָט ווי געשטעלט מן הצד דאָס קעמפעריש לעבן פון די עמך־העלדן, און דער יידישער לייענער איז דאָך אינטערסירט אין לעבעדיקן לעבן. זעלטן האָבן מיר אין די זכרונות ספרים, וואָס זיינען געשריבן פון פּשוטע, מאַנטיק־און־מיטוואָך־מענטשן וואָס האָבן די גרויסע נאַציאָנאַל־אידייאישע וויזיע אויסגעפיבערט און אויסגעטראָגן מיט זייערע צען פינגער און אויף זייערע ברייטע האָרעפּאַשנע פּלייצעס. עס קאָן זיך דוכטן, אַז יידן וואָס גיבן איבער די פּשוטע כראָניק פון זייער לעבן, באַשעפטיקן זיך נאָר מיטן גרויען לעבן, מיט איינפאַכע טאָג־טעגלעכע ענינים, אין תוך אָבער דערהויבט זיך די טאָג־טעגלכע כראָניק צו אומגעהויערע הויכן.

די מעמואַרן פאַרבינדן דעם לייענער מיט די געשעענישן און מאַכן נאָענט און פאַרשטענדלעך פאַר אים די פּראָבלעמאַטיק וואָס רופט זיך: **דער ייד אין מדינת ישראל.**

אַ ליטעראַטור, געשריבן אין דער פּשוטער שפּראַך, אין לשון פון פאָלקס־מענטשן, רעדט צום האַרצן און ענטפערט אויף דער היסטאָרישער פּראָבלעם: וויאַזוי האָט עס געקאָנט געשען? אברהם קריניצי׳ס בוך "מיט די אייגענע צען פינגער", איז אַ מוסטער פון דער ליטעראַטור. דער מחבר פון בוך, איז אַליין געווען אַ יגיע־כפּימניק, אַ בעל־מלאכה, אַ סטאָליער פון פאַך. ער דערציילט אונדז אין פּשוטן נוסח, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, זיין לעבן — אַ לעבן וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט תוכן און איז געווען פול מיט מעשים, וואָס האָבן זיך געלייגט אין די גרונטשטיינער פון דער מדינה.

דאס בוך לייענט זיך ווי אַ שפּאנענדיקער ראָמאן. עס שפּרודלט ממש מיט אהבת ישראל. מיר זעען אין די זכרונות דעם יונגן אברהם קריניצי אין זיין געבורטס־שטאָט קריניצי, די סיבה פון וועלכער ער איז באיינפלוסט געוואָרן, וואָס האָט אויסגעשטאלטיקט זיין כאראקטער. ער שילדערט פארביק זיין באָבע הדסה, וואס איז אויף די עלטערע יאָרן אנטלאָפן אין הייליקן לאנד. זיין מלמד הרב יאדלער, דעם יידישן טיפּישן בעל מלאכה אריה סאבאל, וואָס האָט אים געלערנט דעם סטאָלערייפאך, אין אים איינגעפלאנצט ליבע צו דעם באשאף פון האָלץ. אלע עפּיזאדן זיינען געגעבן רעליעף, קורץ, בצמצום און אין זעלטענע קאָלירררייכע פארבן.

נאָך אין זיינע פרי־יוגענטלעכע יאָרן האָט ער זיך אָנגעשלאסן אין דער פארטיי פּועלי ציון. די אינטערעסאנטע עפּיזאָדן וועגן זיינע ערשטע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן אין ארץ ישראל לייענען זיך ווי פארכאפנדיקע עפּאָפּייאישע איבערלעבונגען. מיר דערזען דאָ די העראָאישע אָנשטרענגונגען פון די ערשטע פּיאָנערן־בויער אין די פארשיידענע קאמפן און סיטואציעס. אין אלע שילדערונגען גייט דורך ווי אַ ריכט־שנור דער אומדערשיטערלעכער גלויבן און בטחון אין דער רעאליזאציע און דערגרייכונג פון הייליקן ציל.

אין געוויסע שווערע מאָמענטן, אין סאמע מיטן פון דער ענגלישער מאנדאטן־אָקופּאציע, צערעדט זיך דער מחבר צו זיין פריינט ר׳ איטשע גערשטנקאָרן, דעם גרידנדער פון דערביייאיקן שטעטל בני־ברק:

"אז מיר זיינען ארויסגעגאנגען האב איך געזאָגט צו גערשטענקארן אויף פּראָסט יידיש, ווייל אין עברית האט מיר געפעלט אַ פּאסיקער אויסדרוק פאר מיינעגעפילן אין דעם מאָמענט: "ר׳ איטשע מיר וועלן זיי איבערלעבן! מיר האבן זיי אין דער ערד. גיט מיר אַ ציגאר!"

אזוי פּשוט, שלום עליכמדיק!

מיט אן אומפארגלייכלעכן אייפער מאָלט קריניצי וויאזוי ער האט געלייגט די ציגל־פונדאמענטן פונעם שטעטל רמת גן, אַ פּאָרשטאָט פון תל־אביב, די אויסערגעוויינלעכע און אומגהויערע אָנשטרענגונגען וועלכע ער האָט געמאכט און וועלכע ער איז בייגעקומען, ביז ער האָט

אויפגעשטעלט אַ גל־עד, אַ ליכטיקן מאָנומענט פון דער בליענדיקער שטאָט פון וועלכער ער איז געוואָרן דער ראש העיר.

לייענענדיק די העראָאישע מעשים, די טאָג־טעגלעכע אָנשטרענגונגען, צאפּלט אונדזער הארץ און מיר ווערן גלייכצייטיק אָנגעפּילט מיט בושה. מיר פרעגן זיך אליין: "און דו, דער לייענער, וואו ביסטו געווען, האָסטו צוגעלייגט אַ האנט צו דעם בניין? און אויך די דאָזיקע געפילן וואָס קריניצי רופט ארויס ביים לייענער איז אפשר די הויפּט־מעלה פונעם ווערק. חוץ אנדערע מעלות פון דעם דאזיקן ספר.

איך האָב דאָס דאזיקע בוך באקומען פון מיינעם אַ פריינט, אַ תושב פון דער אייביקער שטאָט ירושלים, בעת מיין צוריקקער אין לאנד פון פאריז, כדי איך זאל זיך שאפן אַ באגריף וועגן אלט־נייעם לאַנד. איך האב געלייענט דאס בוך עטלעכע מאָל און בין ניט מיד געוואָרן צו באוואונדערן דעם כוח פון גלויבן, וואָס האָט באגלייט אברהם קריניצן אין זיין שווערן טאָג־טעגלעכן העראאישן בוי־גאנג, זיין עקשנות און קרבנות־קרייטקייט פארן געדאנק און אידעע פון נאציאָנאלער באפרייאונג און אָפּהענגיקיט.

★ ★
★

מאקס מעלמאַן אין 1935

# שפּאַנענדיקע מעמוארן פון אַ געוואַגטער שפּיל

## לייב טרעפּער׳ס בוך ״די רויטע קאַפּעליע״

די ראָל און די באַדייטונג פון די געהיימע אויסשפּיר־דינסטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און זייער אויסווירקונג אויפן גאַנג פון די קריגס־אָפּעראַציעס, האַלט נאָך עד היום אין שפּאַנונג די פאָרשער פון דער שואה און דער ברייטער עפנטלעכקייט.

אין משך פון די קאַרגע פערציק יאָר, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון דעם סוף פון לעצטן וועלט־קריג, איז שוין דערשינען אַ פאַרצווייגטע ליטעראַטור אויף דער טעמע, אויך פון דער שפּיאָנאַזש. עס זיינען דערשינען מעמוארן סיי פון די דירעקטע אָנטיילנעמער אין דער שפּיאָנאַזש־דינסט און אויך פון באַקאַנטע מלוכה־לייט, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט די געהיימע אויסשפּיר־ידיעות. אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם שפּאַנענדיקן כאַראַקטער פון די באַשרייבונגען אין די זכרונות פון די פאַרשיידענע מחברים, דרינגט פון זיי אַרויס אַ מין לייט־מאָטיוו די אויסשפּיר־דינסט האָבן געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג אין די קאַמפן און זיינען געווען דעצידירנדיק אין די באַדייטונדיקע היסטאָרישע שלאַכטן און דעצידירט דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. גענוג צו דערמאָנען די באַרימטע קאַמפן פון סטאַלינגראַד און ענלעכע שלאַכטן.

דער ענין שפּיאָנאַזש איז באַקאַנט פון די פריסטע צייטן אין דער וועלט־געשיכטע. שוין אין תנ״ך ווערט דערציילט וועגן די מרגלים וואָס יהושע בן נון האָט געשיקט אין לאַנד כנען איידער ער איז געגאַנגען דעראָבערן דאָס לאַנד פאַר די בני ישראל. בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט יאָזיף סטאַלין געשאַפן אַ נייעם זשאַנר ״שפּיאָנאַזש״, ער האָט רעקרוטירט אידעאַליסטן וואָס האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט צום דינסט פון די געהיימע אויסשפּיר־קרעפטן, צווישן זיי אויך יידן וואָס האָבן געגלויבט אַז דאָס איז דער וועג צו העלפן דער פאַרניכטונג פון דעם היטלערישן נאַציזם און זיין מאָרד־מאַשין. פון אַזעלכע פרייוויליקע אידעאַליסטן האָבן זיך אויסגעבילדעט די שפּיאָנאַזש־נעצן אין אייראָפּע.

צו דער געהיימער אויסשפּיר־אָרגאַניזאַציע אין אייראָפּע לטובת דעם

ראטן־פארבאנד האָט אָנגעהרט די שפּינאָנזש־נעץ, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון וועלט־באַקאנטן לייב טרעפּער, ווען די נאַציס האָבן געקרוינט אלס דעם גרויסן שעף פון דער שפּיאָנאזש־נעץ, "דער רויטער אָרקעסטער". אין זיין מעמוארן־בוך פון דער צייט אין וועלכן דער אָרקעסטער האט געווירקט, וואָס איז בארימט געוואָרן נאך זיין דערשיינען אין דער פראנצויזישער שפּראך, אונטערן נאמען "די גרויסע שפּיל", וואָס איז איצט דערשינען אויף יידיש, דערציילט דער מחבר וועגן בייטראג פון דער אונטערדישער אָרגאניזאציע. דאָס דאָזיקע פארכאפנדיק און שפּאנענדיק ווערק איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין אכצן שפּראכן.

דאָס ווערק הייבט ארויס, אויפן סמך פון ארכיוואלע דאָקומענטן און פאָרשונגען, דעם מסירת־נפשדיקן קאמף פון די יידישע העלדן, וואָס האָבן געצאפּלט אין די נעגל פון די נאצישע האָרדעס. דאס בוך פארכאפּט דעם לייענער מיט די שילדערונגען פון די געוואגטע און דרייסטע קאמפן, ווי מיט דער טיפער פיין וואָס האָט זיי באזעלט.

דער לוין פון מוטיקן קעמפער לייב טרעפּער אין די סטאַלינישע יאָרן איז ווי באוואוסט געווען תפיסה און פארשיקונג. אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם איז טרעפּער, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פוילן, גלייך געוואָרן טעטיק אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט פון פוילן, ווי דער פּאָרזיצער און דירעקטאר פון פארלאג "יידיש־בוך" און האָט אנגעפירט דערפאל־גרייך די טעטיקייט ביז צום ווילדן אויסברוך פון אנטיסעמיטיזם אין סוף פון די זעכציקער יאָרן

דאָס וויכטיקע ווערק וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט איבערזעצט אויף יידיש, און וואָס טראָגט דעם נאָמען "די רויטע קאפעליע", לויטן וואונטש פון מחבר, באשרייבט דעם אָנטייל פון יידן אין יענעם העראָאישן געראנגל, אי וועלכן די מערסטע זיינען אומגעקומען. דאס בוך הייבט זיך אָן פון יענער צייט ווען לייב טרעפּער האָט געארבעט אלס חלוץ אויף די כבישים (שאסעען) פון ישראל אין די 20־ער יארן, און פארענדיקט זיך מיט דעם קאמף פון די יידן אין פוילן צו עמיגרירן קיין ישראל אין די 70־ער יאָרן.

די "רויטע קאפעליע" איז דורכגענומען מיטן גייסט פון הייסער אוןווירדיקער יידישקייט און פון דער גרעסטער היסטארישער באדייטונג פאר

אנארקענען דעם הערָאישן גערַאנגל קעגן גרעסטן שונא פון יידישן פאָלק.

★ ★
★

אין אַ קאלטן, ווינטערדיקן דינסטיק, דעם 19 טן יאנואר פון יאר 1982, האט אין ירושלימער שפיטאל "ביקור חולים" אויסגעהויכט, נאָך שווערע יסורים, זיין נשמה דער לעגענדארישער העלדישער קעמפער קעגן נאציזם בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, לעאָפּאָלד טרעפּער. דאנערשטיק דעם 21 טן האבן מיר אים שוין באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג צום הר המנוחות אין ירושלים. די פייערדיקע זון־שקיעה, וואס האט זיך אין יענעם פארנאכט אַראָפּגעלאזט אויפן האָריזאָנט פון די הרי יהודה, האט באגלייט די הספדים. ליובא, ווי זיינע נאענטע חברים האבן אים גערופן, לייב דאָמב, און וואָס זיינען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד, האט מיט זיך פאַרגעשטעלט איינעם פון די גיבורים, העלדן וועלכע האָבן אריינגעשריבן אַ וואונדערלעך הערָאישן קאפיטל אין גערַאנגל מיט דער נאצישער חיה־רעה בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה. נאָך אין זיינע פריסטע יונגע יאָרן, יאָרן פון נאציאָנאלער און סאָציאלער באפרייאונג. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין "השומר הצעיר". דער נאציאנאלער געדאנק האָט אים באגלייט אין אלע קאמפן.

לייב טרעפּער איז געבוירן געווארן אין יאר 1904 אין נאָווי־טאָרג, אַ קליין שטעטל אין גאליציע, וואס האט דאן געהערט צו עסטרייך־אונגארן, אונטער דער הערשאפט פון באאקנטן "ליבעראלן" קיסר פראנץ־יאָזעף. ער איז דערצויגן געווארן אין דער היים פון זיינע טראדיציאָנעל־באלעבאטישע עלטערן, וואס האבן געצויגן זייער קארגע חיונה פון אַ קראם, וואָס האט באזארגט די באדערפענישן פון די ארומיקע פויערים אויף יארידים. ער האָט באקומען זיין ערשטע דערציאונג אין אַ מין שולע, וואָס מען קאָן באצייכענען ווי חצי־חדר און חצי־שקאָלע. נאָכדעם האָט ער געלערנט אין אַ גימנאזיע. נאָך פון זיינע יונגע יארן האָט ער ארויסגעוויזן אַ שארף־אנטוויקלטן חוש פארן יידישן נאציאָנאלן אידעאל. אין די צוואנציקער יאָרן האט ער עולה געווען מיט אַ גרופּע חברים קיין ארץ־ישראל, וואו ער זיך אָנגעשלאסן אין דער חלוצים ארמיי און געארבעט אויף די כבישים פון לאנד. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט

קיין פוילן וואו ער און ער איז געוואָרן טעטיק אין דער קאָמפּארטיי, אין וועלכער ער האט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין גאנצן אידעאַליסטישן ברען און ענטוזיאזם.

ווי שוין דערמאנט האָט טרעפער אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער מלחמה, און דער עפּאכע פון דער שואה, אריינגעשריבן אַ גלענצנדיקן העראָאישן קאפּיטל אין דער געשיכטע פון זיין יידישן פאָלק מיט דער גרינדונג פון דער "רויטער קאפּעליע", וואָס האָט זיך אָפּגעגבן מיט שפּיאָנאזש פארן סאָוועטן פארבאנד. ער האָט געפירט זיין געראנגל מיט גרויס חכמה, און ווי הרואה את הנולד, מיט אַ סך פאָראויסזעענדיקייט.

אין 1974, נאָכדעם ווי ער האט פארלאָזן פוילן, האט הער געהאלטן אַ רעדע פאר די צושיער פון דער פראנצויזישער טעלעוויזיע, אין דער אָנוועזנהייט פון זשאק דיקלא, געוועזענער פירער פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטיעשער פּראטיי, ערב היטלערישער אָקופּאציע פון פראנקרייך, אין וועלכער ער האט דעקלארירט:

"פאראויספילנדיק די געפארן פונעם וואוקס פון נאציזם פאר די יידן פון אייראָפּע, האָב איך זיך אין דעם דאָזיקן געראנגל געשלאָגן קודם-כל אלס ייד. איצט קער איך זיך אום אין מיין לאנד און וועל זיך באזעצן אין ירושלים און וועל מער ניט זיין קיין ממזר אין פרעמדע לענדער".

די דעקלעראציע אויף דער טעלוויזיע פאר די אויגן פון צענדליקער טויזנטער צוהערער און באזונדערס פאר די יידן, וואָס זיינען געזעסן ווי צוגעשמידטע צום קליינעם עקראן, האָבן געווירקט ווי גאלוואניזאציע. זיי האבן געהערט די שטאָלצע רייד פון אַ שטאָלצן יידן. אין ווען ער האט פארפלאנצט זיין געצעלט אין ירושלים און פארעפענטלעכט זיין בוך וועגן דעם העריאישן קאפּיטל אין זיין לעבן, האָט ער געהאלטן אַ רעדע פאר דער יוגנט, אין וועלכע ער האט דערקלערט אז יידן זיינען ניט געגאנגען ווי שאָף צו דער שחיטה.

ניט קוקנדיג אויף זיין שווערער קראנקהייט איז ער נאך געווען פול מיט פראָיעקטן. ער האָט זיך געגרייט צו פארעפענטלעכן אַ ריי ווערק, צום אלעם ערשטן אַ בוך וואָס זאל ענטפערן אויפן סמך פון אויטענטישע

דאָקומענטן, די אלע פאלסיפיצירער און זייערע שמירעכצן וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע יאָרן, באַזונדערס אין די מזרח־לענדער, אין די לעצטע יאָרן, און האבן זיך געשטעלט אלס ציל צו מינימיזירן זיין לעגענדארן העראאישן קאמף. ער האָט געוואלט, אז עס זאָל אלץ זיין קלאָר פאר דער צוקונפט. ער האט זיך אויף געגרייט צו פובליקירן אַ צווייט בוך, וואָס דארף ארומנעמען דעם סך־הכל פון זיין קעמפעריש לעבן און אינאיינעם מיט דעם אויפקלערן די פּאָליטישע געשעענישן אין משך פון די יאָרן.

ער האט אויך געהאט בדעה אויפשטעלן אַ דענקמאָל אין ברענעדאק, בעלגיע, לזכרון פון די פארפייניקטע מיטארבעטער פון רויטן אָרקעסטער. מיר פלעגן אָפט, ווען די ווייטאקן האבן אים אביסל אָפּגעלאזט, ארומרעדן די דאזיקע פּראָיעקטן. אָבער דער מלאך המוות, וועמענס שווארצע פליגען האבן שוין געשוועבט איבער אים, האָט געמאכט אַ סוף צו זיינע חלומות און שטרעבונגען. אזא איז געווען לייב טרעפּער, וועלכער איז נאך ביי זיין לעבן געוואָרן אַ לעגענדע. מיט זיין טויט האט זיך געשלאָסן אַ גלענצנדיקער קאפיטל אין דער לאנגער קייט פון יידישער גבורה. די קומענדיקע דורות וועלן דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם קעמפער, און וועט זיין געהייליקט לדור דורות.

★ ★
★

## דער יידישער האַנטווערקער אין פראנקרייך

זייער אַלט און פון אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער זענען די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מיר זענען געוויינט צו קענען פון אַמאָל, פון דער אַלטער היים. אין רוב זענען דאָס באַוועגונגען און מענטשן, וואָס זענען אַריינגעוואַקסן אין דעם שטאַנד, געבונדן מיט לאַנג־דורותדיקע האַנטווערקער־טראַדיציעס, וואָס זענען אין זייער תוך זייער און זייער קאָנסערוואַטיוו אין פירן זייערע באַוועגונגען, — וואָס האָבן אויסצושטיין אין די לעצטע יאָרן אַ שווערן און ביטערן קאַמף פאַר זייער קיום — אויף אַלטע טראַדיציאָנעלע וועגן, וואָס זענען ווייט פון צו ענטפערן אויף די נויטן פון זייערע מיטגלידער.

ניט פיל אַנדערש זעט עס אויס דאָ ביי אונז אין פראַנקרייך, אין דעם לאַנד, וואָס פאַרמאָגט דאָס קלאַסישע קליינבירגערטום ווו דער האַנטווערקער פאַרנעמעט אַ גרויסן און בכבודיק אָרט אין דער פּראָדוקציע, זיינע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן הינטער זיך צענדליקער יאָרן עקזיסטענץ זענען ווייט פאַרצושטעלן מיט זיך די באַוועגונג, וואָס דריקט אויס און פאַרטיידיקט די באַדערפענישן פון דעם גרויסן שיכט האַנטווערקער אין דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. — אַלס באַוויז קען דינען דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער פאַקט. אין דער לעצטער צייט וואַקסט און פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער די גרויס אינדוסטריע אין לאַנד, אין רעזולטאַט פאַר־שמעלערט זיך די באַזע פון אַ סך צווייגן אין דער האַנטווערקער־פּראָדוקציע; גרויסע שיכטן האַנט־ווערקער און קליין־פּראָדוצירער ווערן. געשטעלט פאַר דער דילעמע: אונטערגאַנג, אָדער — ווי דאָס וואָלט געראַרפט זיין די אויפגאַבע פון דער פראַנצויזישער האַנטווערקער־באַוועגונג — קעמפן פאַר נייע וועגן און מיטלען פון עקזיסטענץ, וועלכע זענען פאַראַן אין לאַנד זייער פיל; די פראַנצויזישע האַנטווערקער־באַוועגונג נעמט אָבער אַלס שולדין אין דעם קריזיס דעם אימיגרירטן האַנטווערקער, וועלכער האָט אין זיין גרעסטער צאָל, אויסגעבויט און אַנטוויקלט אין לאַנד אַ ריי אינדוסטריע־צווייגן (ווי קאַוטשוק, שאַפּאָ, מאַראָקינערי, קליידער א. א. וו.) און הויבט אויף קעגן אים דער ניט באַרעכטיקטן קאַמף צו באַזייטיקן פון לאַנד.

גאַנץ אַנדערש איז דער יידישער האַנטווערקער און פּאַסאָניער, וועלכער האָט זיך באַזעצט די לעצטע 2 צענדליק יאָרן אין לאַנד. דאָסאיז אַ נייער טיפּ האַנטווערקער, ווענען די "האַנטווערקערייַ" אָדער "פּאַסאָנערייַ" איז אין גרעסטן מייל אויפגעצווונגען געוואָרן, אַ דאַנק די ספּעציעל-נעענדערטע באַדינגונגען אין לאַנד — אין רוב זענען דאָס מענטשן, וואָס רעקרוטירן זיך פון אַרבעטער-לאַגער און אַ טייל פון זיי האָט שוין אַפילו הינטער זיך לאַנגע יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אַזוי זענען אין די יאָרן 34—33 געשאַפן געוואָרן דער שניידער-פּאַסאָניער-סינדיקאַט, בויהאַנטווערקער, מאַראָקיניער-סינדיקאַט, און אַנדערע. די פאַך-פאַרבאַנדן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען נאָך אַ ריי פריערדיקע פאַרשידענע פּרווון, וואָס זענען דורכגעפאַלן, האָבן געפאָדערט אַ נייעם אופן פון אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די פאַרהעלטענישן אין לאַנד און צו דער ספּעציעלער לאַגע פון יידישן האַנטווערקער און פּאַסאַניער.

דער באַקאַנטער דעקרעט פון אויגוסט 1935 וועגן באַגרענעצן די אויסלענדישע האַנטווערקער און פּאַסאָניערס, האָט ווי אַ דונער געטראָפן דער יונגער האַנטווערקער-און פּאַסאָניער-באַוועגונג. ס'איז גלייך געשאַפן געוואָרן דער צו יענער צייט זייער באַרימטער "פּראָפעסיאָנעלער פאַרשטענדיקונג-קאָמיטעט פון האַנטווערקער און פּאַסאָניעאין פראַנקרייך" — דער קאָמיטעט, וועלכער איז געווען דער אויסדרוק פון דעם רייפן כוח, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די יונגע באַוועגונג, האָט אונטערגענומען אַ גרויסע פאַרייניקטע קאַמפּאַניע זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון פאַרלירן די לעצטע מעגלעכקייטן פון עקזיסטענץ. דער קאָמיטעט האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ ריי נייע סינדיקאַטן ווי שאַפּאַ, טריקאָ-נייער, שוסטער-רעפּעראַמור, פוירריער, מעבל א. אַנד.

אין דעצעמבער 1936 איז אויך אַ גרויסער קאָנפערענץ פון אַלע פאַך-סינדיקאַטן, נאָר אין ערנס טער און זאַכלעכער דיסקוסיע איבער אַלע האַנטווערקער-פּראָבלעמען, געשאַפן געוואָרן דער צענטראַלער האַנטווערקער-פאַרבאַנד און געוויילט געוואָרן זיין אָנפירונג.

אויף דער יידישער גאַס האָט דאָס אַנטשטיין פון אַ צענטראַלער

אָנפירונג, פאַר דער נייער האַנטווערקער־באַוועגונג, געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם און געצוווּנגען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער באַזונדערער שווערער לאַגע פון יידישן האַנטווערקער און פאַסאַניער.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון אַלע גרופּירונגען אויף דער יידישער גאַס, מיט דער פעדעראַציע, וועלכע זאָגט זיך היינט אָפּ פון יעדער איינהייט־אַקציע, בתוכם, צו העלפן דעם ניי־געשאַפענעם צענטראַלן האַנטווערקער־פאַר־באַנד פאַרטיידיקן דעם יידישן בעל־מלאכה קעגן דער געפאַר. פאַרן צענטראַל־פאַרבאַנד איז געווען קלאָר, אַז בכדי צו קענען פאַקטיש לינדערן דעם דעקרעט, איז נויטיק צו פאַראינטערעסירן די פראַנצויזישע האַנטווערקער־באַוועגונג מיט די ספּעציעלע מאָמענטן פון דער יידישער האַנטווערקער־שאַפט, וועלכע וועט זיין שווער און אומברחמנות־דיק געטראָפן, אויב דער דעקרעט זאָל פאַרווירק־לעכט ווערן. צו די פאַרשידענע דעלעגאַציעס, וועלכע זענען געגאַנגען און צו די אַלע פילמאָליקע אינטערווענצן, איז דער ״אַרטיזאַנאַ״, וועלכער איז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן דער אינספּיראַטאָר פון געזעץ־געבליבן טויב. אין דער לעצטער צייט האָט דער ״אַרטיזאַנאַ״ נאָך פאַרשאַרפט דעם קורס קעגן דעם אויסלענדישן (און אַמשטאַרקסטן טרעפט עס דעם יידישן) אַרטיזאַן.

דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט זיך פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטישער אַרטיזאַן־באַוועגונג, וועלכע האָט סימפּאַטיש אויפגענומען די אַקציע פון העלפן פאַרטיידיקן דעם איינגעוואַנדערטן יידישן פאַך־ברודער.

פון גרעסערער באַדייטונג איז געווען דער נעשלאָסענער בלאָק צו די וואַלן פון דער שאַמבר־דעמטיע, וועלכע שפּילט אַ מלוכה־ראָל אין לאַנד און צו וועלכע ס׳האָט אויך קאַנדידירט דער פאָרזיצער פון צענטער. האַנטווערקער־פאַרבאַנד, חבר נאָדעלמאַן. די פראַגע פון פאַרשטענדיקונג מיטן פראַנצויזישן ״אַרטיזאַנאַ״ איז ווייט ניט פאַרענדיקט און געפינט זיך בסדר אויפן סדר־יום אין דער טעטיקייט פון צענטראַל־פאַרבאַנד.

פון אַ באַזונדערן באַדייטונגספולן כאַראַקטער און פאַרנעם איז די פאַרטיידיקונגס־אַרבעט, וועלכע עס פירט היינט דער צענטראַלער האַנטווערקער פאַרבאַנד.

אנגעשלאָסן אין ״סאַנטר דע ליעזאָן״ אין ״ראַסעמבלעמאַן מאַנדיאַל קאָנטר לע ראַסיזם״ און נעמט אַן אקטיוון אנטייל אין אלע באַדייטנדיקע, געזעלשאַפטלעכע אַקציעס אויף דער יידישער גאַס.

דער געשאַפענער פאַרשטענדיקונג־קאָמיטעט מיט די שניידער־פּאַסאָניער צו פירן די פאַרטיידיקונגס־אַקציע האָט שוין צו פאַרצייכענען דערפרייענדיקע רעזולטאַטן. די אַרבעט וועט זיכער ווייטער אויסגעברייטערט ווערן, ווי עס פאָדערן עס די אינטערעסן פון יידישן האַנטווערקער און פאַסאָניער.

אויפן סדר־היום געפינט זיך אויך היינט צו טאָג דאָס פּראָבלעם פון שאַפן דעם מיטלשטאַנד־בלאָק פון האַנטווערקער, פּאַסאָניער און מאַרשאַנעס. די פראַגע פאָדערט אַן ערנסטע אויפמערקזאַמקייט און צוגרייטונג. דאָס שאַפן דעם בלאָק קען פיל העלפן פאַרשטאַרקן דעם כח פון אַלע אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן, און געבן ממשותדיקע הילף דער באַוועגונג.

גרויסע אויפגאַבן שטייען פאַרן צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד דורכצופירן אין דער נאָענטסטער צייט. אויפגאַבן וועלכע וועלן פיל העלפן דעם יידישן בעל־מלאכה און זיין שווערער לאַגע אין לאַנד.

ס׳מוז אויפגעהויבן ווערן אַ גרויסע קאַמפּאַניע און פּראָפּאַגאַנדע צו שאַפן נייע סינדיקאַטן און האָבן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג ניט אָרגאַניזירט. עס מוזן אָרגאַניזירט ווערן די האַנטווערקער און באַסאָניערס אויף דער פּראָווינץ פאַר וועלכע עס אין אַ לעבנס — פראַגע צו זיין אָנגעשלאָסן אין אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט.

מיר מוזן מאַבן אַלע אָנשטרענגונגען צו פאַר־שטאַרקן די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס אויפגאַבן זענען ברייטע און פאַרצווייגטע.

ס׳איז נויטיק איבערצוצייגן נאָך גרויסע טיילן פון יידישע בעלי־מלאכות אין דער נוצלעכקייט און אין הייליקן חוב צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד.

די גרויסע אָרגאַניזיר־אַרבעט וועט געבן אַ מעגלעכקייט דעם צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד דורכצופירן אין לעבן אַ פרוכטבאַרן

פּאָזיטיוון פּראָגראַס פון ארבעט לטובת די אינטערעסן פון יידישן בעל־מלאכה, וועלכער שטעלט מיט זיך סוף־כל־סוף פאָר דעם רוב מנין ובנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך.

האַנטווערקער־וואָרט יולי 1983, פאריז

★ ★
★

## די עפּאָפּייע מדינת ישראל,

צום פינפאונצוואנציקסטן יאָרטאָג.

מיר גייען אריין אין 25טן יאר עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, די געשעענישן פארן אנטשטיין פון דער מדינה און די וועלכע מיר לעבן איבער אין משך פון די 25 יאר, דאָס זענען העראאישע קאפּיטלען אין דער גלאָרייכער געשיכטע פון אונדזער פאלק, דאס איז אן עפּאָפּייע וואס גייט אָן פאר אונדזערע אויגן עד־היום.

אָנהויבנדיק פון דער צייט ווען די באוווסטזיניקע טיילן פון פאלק, די חובבי־ציון און בילו, די שומרים און חלוצים, די אידעאלסטע כוחות פון פאָלק, האָבן אין די סוף יאָרן פון פארגאנגענעם יאר־הונדערט פארלאָזן פון דורות פארוואָרצעלטע היימען, און דורך אַ ים פון שטרויכלונגען, קעגן ווינט און שטורעם, געצויגן צום אלטן היימלאנד און האָבן מיט ציין און נעגל זיך איינגעקלאמערט אין דער פארוואָרלאָזטער אויסגעטריקנטער פארשטיינערטער ערד, און אין דער צייט איז עס געווען אזוי, ווען אין איין האנט האבן זיי געהאלטן די לאָפּעטע, זענען זיי געווען געצוואונגען אין דער צווייטער האנט צו האלטן די ביקס, אַ ביקס צו פארטיידיקן זיך קעגן אַ ווילדן שנאת חינם.

דער בראשית פון דער נאציאָנאלער דערוואכונג דאָס זענען געשעענישן פון אן אומגעהויערער געשיכטלעכער באדייטונג פארן המשך אין קיום פון פאָלק. אין גאנג פון דעם אומגעוויינלעכן העראָאישן געראנגל, האבן די ראשונים די ערשטע חלוצים געבויט די קיבוצים, געשאפן די מושבים, וואס זענען געווארן די אייגנטלעכע פונדאמענטן צום אנטשטיין פון דער מדינה.

די באלפור דעקלארציע פון נאוועמבער 1917 איז געווען אַ לאָגישער פועל־יוצא פון אַ אומפארמיידלעכן היסטאָרישן פראצעס אין לעבן פון יידישן פאלק די דעקלאראציע וועלכע האט דערקלערט פאלעסטינע אלס די נאציאנאלע היים פון יידישן פאלק איז געקומען אלס רעזולטאט פון דער לאנג דורותדיקער שטרעבונג און געראנגל פון פאלק צו נאציאָנאלער

באפרייאונג און נאציאנאלער זעלבסשטענדיקייט, און דער אקט האט געגעבן דעם ווייטערדיקן שטוים צו באזעצן דאָס לאנד.

דער פראָצעס פון באזעצן דאס לאנד איז אָנגעגאנגען אומאויפהערלעך...

ד״ר הערצלס רוף צום פאלק — וויל נאר וועט עס נישט זיין קיין חלום — האָט אנגעהויבן צו ווערן אַ ווירקלעכקייט. עס זענען געקומען די עליות, די צווייטע און דריטע, חלוצים וואָס האָבן מיט שווייס או בלוט דעראבערט יעדעם שטיקל ערד און באוויזן פאר דער וועלט דעם אומבויגזאמען ווילן צו וידער אויפבוי פון אייגענעם לאנד, דעם ווילן צו לעבן צוגלייך מיט אלע אנדערע פעלקער אַ זעלבסטשטענדיק נאציאָנאל לעבן, און געבויט דאָס לעבן אויף נייע יסודות, אין הסכם מיטן חלוצישן אידעאל.

נאָכן גרויסן חורבן וואס האט געטראפן דאס יידישע פאלק בשעת די צווייטע וועלט מלחמה, אין וועלכן דער היטלעריזם האט אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראכט זעקס מיליאן פון אונדזערער ברידער, איז נאך דער אפשטימונג פון דער אנו אין נאוועמבער 1947, איז אין חודש מאי 1948 אנטשטאנען מדינת ישראל.

עס איז קלאר אז דאס אנטשטיין פון דער מדינה איז געקומען ווי אן אימפעראטיוו פון אַ באשטימטער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון וועלכע די מחברים דערפון זענען געווען קודם־כל די יידן גופא.

פון דער מינוט פון אנטשטיין פון דער מדינה איז ישראל געווארן דאס לאנד פון גאנצן יידישן פאלק, די היים פאר יעדן ייד און אין וועלכע טיילן פון דער וועלט ער זאל זיך נאָר געפינען. דאס אנטשטיין פון דער מדינה האט אויפגעוועקט אן אלט פארשלאָפענעם דראנג צו לעבן אן אייגן נאציאנאל לעבן. אין די היינטיקע טעג איז דאס אמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק מיט דער עליה פון די סאָוויעטישע יידן.

אין משך פון די 25 יאר איז די אנטוויקלונג פון ישראל ארויף אויף ברייטע וועגן, ישראל האָט דערגרייכט די העכסטע שטאפלען פון אנטוויקלונג אין אלע לעבנס געביטן פון לאנד עקאנאמישע, קולטורעלע, סאָציאלע א. אנד. און פארנעמט אן ארט צווישן די פארגעשריטנסטע לענדער אין דער וועלט.

און אין פארלויף פון דער זעלבער צייט אפשניט האט ישראל געמוזט 33 מאל מלחמה האלטן פאר איר פיזישן קיום, און די מלחמה גייט ווייטער אן, די אראבישע וועלט, די פעדאאין מכל המינים האט אלץ נישט אויפגעגעבן דעם געדאנק און שטרעבן צו פארניכטן און אָפמעקן מדינת ישראל פון נאנטן מזרח, הגם ישראל האַלט כסדר אויסגעשטרעקט די האנט צו שלום.

דערגרייכן דעם שלום מיט גרענצען וואס זאלן זיכערן דעם קיום פון דער מדינה איז דער טיפער באגער און שטרעבן פון גאנצן יידישן פאלק,ביים אפמערקן 25 יאָר קיום המדינה פארבלייבט דער וויכטיקסטער און הייליקסטער חוב צו פארשטארקן אונדזער וואכזאמקייט און דעקלארירן פאר דער וועלט אונדזער צוגעבונדקייט און אידענטיפיצירונג מיט ישראל.

★ ★
★

די לעצטע געשעענישן וועגן דעם מצב אין לאנד רופן ביי אונדז ארויס אַ צאָרנדיקן אויפברויז. וואָס טראכטן זיי, די "נוש אמונים" גרופן; ווילן זיי ארויסרופן א פאשיסטישן טעראָר אין ישראל? — —

ווי וואָלט אויסגעזען היינט אונדזער לאנד, ווען עס באזעצן זיך דאָ אַ האלבער מיליאָן יידישע קינדער? איך בין טיף איבערצייגט אז אזוי ארום וואָלט די ישראל — אראבישע פראָבלעם געלייזט געוואָרן מיט פול וויניקער קרבנות. (פארבליבענע נאָטיצן).

# דער קיבוץ, מאָדעל פון מאָדערנעם סאָציאַליזם

(פון אַ רעפעראט אין פאריז)

דער קיבוץ איז זינט זיין אַנטשטייאונג אן אויסנאַמעלעכע דערשיינונג אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, וואָס איז פאַר דעם רוב סאציאליסטן אַ פענאָמען פון אַ פילפאַכיקער באַדייטונג. פון איין זייט איז דער קיבוץ. אַ ספעציפיש ישראלדיקע באַשאַפונג פאַר דער נאַציאָנאלער און סאָציאַלער באַפרייאנוג פון יידישן פאָלק, און פון דער אנדערער זייט, שטעלט דער קיבוץ מיט זיך פאָר, אַ דערשיינונג פון אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

דער קיבוץ האָט באַוויזן, אין משך פון זיין קיום, די מעגלעכקייט פון מענטש, צו לעבן לויט זיין פרייען ווילן אין אַ רעאַלער קאָמונאַלער געזעלשאַפט, און אויך די מעגלעכקייט פון דער קיבוץ-געזעלשאפט, אנן וועלכע עס געפונען זיך שוין עטלעכע דורות. צו לעזן האַרמאָניש, אָן וועלכן צוואַנג, אַלע פראָבלעמען פון מענטשלענן לעבן, פראָבלעמען פון אַרבעט. פון קולטור און פון דערציאונג, דאָס זענען אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן.

עס עקזיסטירן היינט צו טאָג אין ישראל 250 קיבוצים אין וועלכע עס לעבן העכער הונדערט טויזנט נפשות. די קיבוצישע באַוועגונג איז איינגעטיילט צווישן די דריי גרויסע פאָליטישע ריכטונגען, און אָנגעשלאסן אין די דריי סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרטייען אין ישראל, מפ״ם, עבודה, מפ״י, צו וועלכע עס קומען נאך צו עטלעכע ״רעליגיעזע״ און ״ליבעראַלע. קיבוצים. פאַראַן אויך 1 קיבוץ וואָס איז אָנגעשלאסן אין דער קאָמפארטיי...

יעדער פון די ריכטונגען האָט אונטער זיין איינפלוס קיבוצים פון אַ פאַרשיידנארטיקן עלטער, געוויסע האָבן שוין הינטער זיך אַ פאַרגאַנגעהייט פון העכער 50 יאָר, און פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען אַנטשטאנען די לעצטע יאָרן, אין רוב פון די קיבוצים לעבן שוין דריי דורות, און דער פערטער דור איז אין וועג.

אין דורכשנייט ציילט יעדער קיבוץ פון 200 ביז 250 חברים. ד. ה. אַ קימא-לן פון בערך 500 ביז 600 נפשות, און מער, (איינשליסנדיק קינדער און די עלטער פון די קיבוץ-חברים.)

וואָס נוגע אָרגאַניזאַציע, שטעלט מיט זיך פאָר יעדער קיבוץ, אַן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויטאָנאָמע איינהייט, זייענדיק אין דערזעלבער צייט אָנגעשלאָסן אין דער קיבוצישער צענטראַלע, מיט וועלכע דער קיבוץ האָט אַן ענגע און פילפאַכיקע פאַרבינדונג. די הויפט־אויפגאַבע פון דער צענטראַלער אינסטאַנץ, איז צו פירן און באַוועגן די קיבוצים לויט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס פון הויפט־ראַט.

עס הערשט אַ סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף צווישן די קיבוצים, הויפטזעכליך פון עלטערע צו ניי־געשאַפענע קיבוצים, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך פערשידענע וועגן און מיטלען, אָנהויבנדיק פון געלט־הלוואות, און מענטשלענע ארבעטס־קראַפט. אדער דורך געבן הילף פון ספעציאַליסטן עקספערטן פאַר־פארשיידנע צווייגן פון דער קיבוץ פראָדוקציע.

די אקטיוויטעט ווערט אויסגעפילט פון הונדנערטער קאַדרן וועלכע אַנגאַזשורן זיך אויף צוויי און דריי יאָר, אַרויס צוהעלפן דעם חברישן קיבוץ. צו דעם צוועק שטעלט יעדער קיבוץ צו דער דיספאָזיציע פון דער הילפס־באַוועגונג בערך 7% פון אירע חברים, אָפגעלאָפן דער טערמין פון די צוויי אָדער דריי יאָר קערט זיך אום דער חבר צוריק אין זיין קיבוץ און אנדערע קומען אים פאַרטרערטן.

אזוי ארום ווערט אויסגעמיטן אַז עס זאָל זיך פאָרמירן אַ ביוראָקראַטישער שיכט. וואָס דראָט, אַז ער זאָל ווערן, מיט דער צייט אָפגעריסן פון קיבוץ־לעבן.

לכתחילה, ביים אַנטשטיין פון דער קיבוצישער באַוועגונג, האָבן פיל געצווייפלט אין די מעגלעבקייטן פון זיין אַנטוויקלונג און עקאָנאָמישע דערפאָלגן. עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פיל ערנסטע אַרגומענטן וואָס האָבן דאָס באַדאַרפט באשטעטיקן, ווי למשל: — דער שווערער קלימאַט־דער פאַרוואָרלאָזטער באָדן, און ועל־כולם, וואָס די גרעסטע מערהייט פון די פיאָנערן, האָבן זיך רעקרוטירט פון דעם שיכט, פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז אַזעלכעס פיזישע אַרבעט, און נאָך ווייניקער וואָס איז אַזוינס ערד־ארבעט.

אָבער דער גרעסטער צווייפל אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון קיבוץ. איז געווען דער סוביעקטיווער פאַקטאָר, דער פאַקטאָר פון דער

שטויס־קראַפט, וואָס זאָל באַוועגן די מענטשן צו מאַכן די אומגעוויינלעכע, און מען קען זאָגן, העראָאישע אָנשטרונגונגען, פון דער מינוט ווען זיי באַקומען נישט דעם עקוויוואַלענט פון קאָמפּינסאַציע און סאַטיפאַקציע פאַר זייערע באַדערפענישן און אינדיווידועלע אַרבעט.

מ'האָט זיך אויך געפרעגט, וואָס וועט געשען נאָך דעם, ווי עס וועלן אַדורך די טעג פון ראָמאַנטישער התלהבות, מיט וועלכע עס זענען געוועזן אַדורכגענומען די יונגע פּיאָנערן, ווען עס וועט זיך אומקערן די גרויע האַרטע ווירקלעכקייט, עס וועלן צוקומען נייע חברים, מענטשן, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע סאָציאַלע האָריזאָנטן און מיט דער צייט אין וואוקס־פון דער באַוועגונג, וועלן אַנטשטיין משפחות און ס'וועלן זיך אויפהייבן די פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיטן משפחה־לעבן־קינדער, דערציאונג, עלטערן, און קאָמונאַלע באַציאונגען פון קיבוץ־וואָס וועט דענסטמאָל געשען?

איז וואָס זעען מיר ביים היינטיקן טאָג? די קיבוצישע ווירטשאַפט האָט אויסגעהאַלטן אַלע פּרואוון. נישט געקוקט אויף דעם וואָס די ווירטשאַפט איז באַזירט אויסשליסלעך אויפן צוטרוי צום מענטש, צו זיין נאמנות, צו די מעגלעכקייטן פון זיינע טעגלעכע אָנשטרענגונג, פאַר וועלכע ער באַקומט נישט קיין שום לוין.

אָט אָ די קיבוצישע עקאָנאָמיק, לא־די וואָס זי האָט געהאַט אַדורכצובורעכן איבערנאַטירלעכע שוועריקייטן. האָט באַוויזן זיין איבערגעוויעכט און העכערקייט איבער דער פּריוואַטער ווירטשאַפט נישט נאָר אין דער אַגרי־קולטור נאָר אויך אין דער אינדוסטריע ווי בכלל אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד.

היינט צו טאָג זענען 90% פון דער קיבוצישער ווירטשאַפט רענטאַבל, גייען אַרויס מיט רוחים, אין דאָס נישט געקוקט אויף די אומגינסטיקע פינאַנסיעלע באַדינגונגען. אין געוויסע צווייגן האָבן די קיבוצים אפילו גערגרייכט אַ וועלט־רעקאָרד, ווי למשל אין דער מילך־פּראָדוקציע זיי באַקומען פון זיבן ביז אַכט טויזנט ליטער מילך אַ יאָר פון אַ קו.

דער עקאָנאָמישער וואוקס פון דער קיבוצישער פּראָדוקציע איז אין דורכשניט פון צען ביז פופצן פּראָצענט יערליך. די דערגרייכונג. איז צווישן אַנדערן, פיל צו פאַרדאַנקן די פערזענלעכע איניציאַטיוון פון די

קיבוץ־חברים. און ס׳איז כדאי אינטער צושטרייכן, אז די יערלעכע פראָדוקציע פון אַ קיבוץ־אַרבעטער און דער אינדוסטרי, שטייגט אַריבער מיט 30% טיקן דער פריוואַטער אינדוסטריע. (לויט די אָנגאַבן פון אינדוסטריע־מיניסטער).

אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, ווערט היינט פיל גערעדט וועגן זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער אין דער אינדוסטרי (אויטאָזשעטיאָן). נעמלעך אין קיבוץ, ווערט דער פראָדוקציע־מאָדוס אַ דורכגעפירט אויפן דעמאָקראַטישסטן אופן. דאָס איז אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג באַזירט אויף גלייכהייט־באַציאונגען. (אָן היראַרכיע) צווישן אַרבעטער און אָנפירנדיקע קאַדרן, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ ווירקלעכע געווייגזאַמע אָנגעהעריקייט פון די פראָדוקציע־מיטלען.

אָבער, וועדליק אונדז נאָך. איז די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע דערגרייכונג פון קיבוץ, דער מאָדעל פון דער סאָציאַליסטישער אַגרי־קולטור ווירטשאַפט. וואָס איז סאָציאַל אין עקאָנאָמיש אַ גרויסער דערפאָלג — עס איז נישט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז די אַגרי־קולטור, איז דער שווערפונקט פון אַלע סאָציאַליסטישע לענדער.

דער סוד פון די וונדערלעכע דערגרייכונען פון קיבוץ ליגט קודם־כל דערין וואָס דאָס איז אַ **פרייוויליקע באַוועגונג** די חברים, אָנגעשלאָסענע אין קיבוץ זענען אַדורכגענומען מיט אַ טיפן אידעאישן באַוואוסטזיין, מיט הויכע עטישע אַספּיראַציעס וואָס דערמעגלעכט ביי אויסצוטראָגן די אויפגאַבן וואָס די אביעקטיווע רעאַליטעט פון זייער דור לייגט אויף זיי אַרויף.

עס איז קלאָר אַז די דערשיינונג ״קיבוצים״ לאָזט זיך נישט אויסשעפּן על רגל אחת, אין עטלעפע שורות. אָבער דער היסטאָרישער אמת וויל. אַז צום יום־טוב פון 25 יאָר מדינתישראל, איז דער ״קיבוץ״ איינע פון די גרויסע און אָריגינעלע דורגרייכונגען פון יידישן פאָלק, אויף זיין וועג פון נאציאָנאַל און סאָציאַלער באַפרייאונג.

פאריז. 1974

★ ★
★

שאַרל דאָבזשינסקי

# די צוואה פון אונדזער פרייהייט

(פראַגמענט)

די ווערטער פון צוויי צדיקים

און דער צדיק פון שטיין זאַגט:

ווער איז ליכט, ווער איז שטויב, אויב נישט דו, וואָס זוכסט צווישן אונדז דיין צווייפלהאַפטן פאָטער? נאָר זיין פאַרלוירענעם פאָטער זעט בלויז דער וואָס טראָגט אין מויל אַ פאָדעם פון אַפּשטאָם ווי אַ ווייסע צונג וואָס אָטעמט און באַוועגט זיך אין זיין שפראַך פון יעדן טאָג. דיין געמיינזאַמען פאָטער איז צו זען נאָר דורך דעם שטיין וואָס דו רירסט אָן אָדער דורך דער דויערהאַפטער צייכענונג וואָס דיין האַנט ברענגט אַרויס פון הייסן זומער־געוועב. דער קרבן און די טראָלד פון צייט. און די זיך מיניענדיקע פּאָליע, וועלכע עמאַנירט פון באַרג, איז זיין אָטעם, זיין פּאַרע. אין דיר איז דאָס אַלץ וואָס איז געוואָרן אַנטשטומט. וויל אויף די זייטן פון וואַסער־רעזערוואַר איז פאַרקאַרט דער אָנדענק פון פאַרצייטיקן רעגן און דיין יצירה איז דאָס געבערט־וואַסער, וואָס שלאָגט זיך אָפּ פון זיינע אינערלעכע ווענט און דיין באַוויז פון מענטשן־קענטעניש אין יעדן שטיין איז דער אויסגלייך פון אַ פינגער־בלום אין דיינע אָדערן דער שטראָם וואָס קומט פון ירושלים. און דאָס ביסל שיין פון קאַיאַר וואָס די טעראָסע פאַרהאַלט אין די קאַרבן פון זיין פלאַך האָט נאָך קיינער טרינקען נישט געקאָנט. און קיין שום זאָך וועט נישט שטילן דיין דאָרשט, ווייל דאָס וואָס דו זוכסט איז מער נישט פאַראַן נישט אין דיר, נישט אין מיר, נישט אין רעגן, נישט אין דער קלאַג. דיין פאָטער צווישן אונדז איז בלויז דער וואָס איז זיך גורם דעם טויט קעמפנדיק.

און דער צדיק פון שטויב זאַגט:

ווער איז דער צאָרן פון די פיר דונערן אויב נישט דו? מיר עקזיסטירן נאָר אויף דיין רוף אויף דעם שיידוועג וועלכער נעמט אָן די פאָרם פון דיינע טריט. און דיינע טריט זענען די הויך, וואָס די ערד וועבט פאַר אונדז

וואַס זענען נאַקעט אויב קיין שום שטים באַקליידט אונדז נישט און וועקט אונדז נישט. און דריי יאָר האָבן מיר געברענט קעגן הימל. און מיר זענען געשטיגן צו אים אויף אַ לייטער פון שריפט, נאָר אויף יעדן שטאַפּל איז איין וואָרט איין מענטש אַראָפּ־געפאַלן אין דער לערקייט און גאָרנישט האָט דעם נישט געקאָנט פּאָרטרעטן גאָרנישט אויסער דיר וואָס קומסט צוריק פון עבר פון וועלכן מיר זענען געוואָרן באַרויבט. דריי יאָר באַלאַגערונג ווי אַ געשלאָסענער רינג פון אַ יאָרהונדערט איבער אונדז, אַ שטיין וואָס שווערט אין אונדזער מויל. און אונדזער צונג איז טויט נישט פון דורשט נאָר פון איבערפלוס פון וואָרט. און דריי יאָר האָט יעדע נאַכט אונדז געענישטשעט און פאַרשטיינט. נאָר די זון האָט אונדז דריי יאָר געפאַרבט און באַהאָפט אין אַ ריינעם פראָנט דאָס וואָס שטעלט אַ ווידערשטאַנד דער צייט און פאַרוואַנדלט די צייט אין זיין דערנערנדיק ברויט דעם ווינקלשטיין פון זיין חלום. דער אויסנאַם־צושטאַנד האָט צעשטערט אַלע דאַמבעס, האָט אויסגעקערעוועט קעגן טויט זיין כלי־זין. איז איבערגעשטיגן דעם טויט ווי אַ ים וואָס זיין יעדע פייל אין אונדז פאַרלעשט איין קאָליר, צילט און שטעכט אַדורך איין לעבן.

דו וואָס ביסט נישט פון דאַנען, דו וואָס ביסט נישט פון ערגעץ אַנדערש, דו וועסט נישט זיין מסוגל צו דערקענען זיך אין אונדז וואָס זענען באַהאָפטן מיטן שטורעם און וואָס האָבן געשלאָסן אין דער דאָזיקער שטאָט אַן אָפּמאַך מיטן טויט כדי קיין מאָל מער נישט צו לעבן אויף די קני. און יעדער טויט ווערט אַ געגאַסענע וואַנט אין דער דאָזיקער פעסטונג, אַ צוואה פון אונדזער פריהייט.

יידיש מ. מעלמאַן

דער פראַנצויזיש־יידישער פּאָעט, שאַרל דאָבזשינסקי, האָט נאָך זיין צוויי־וואָכיקן באזוך אין ישראל צוזאמען מיט זיין פרוי עליאַנאַ פאַרעפנטלעכט אין ליטעראַרישן חודש זשורנאַל ״אייראָפּ״ וואָס דערשיינט און פראַנקרייך זינט 1923 (דער גרינדער פון דעם זשורנאַל איז געווען ראָמאַן ראָלאַן) — אַ גרעסערע פּאָעמע אונטערן טיטל ״אַ שיר פאַר מצדה״.

מיר ברענגען אין אונדזער הייניקן נומער אַ קאַפּיטל פו דער פאעמע אין דער אויטאָריזירטער איבערזעצונג פון מ. מעלמאַן.

(יידישער אלמאנאך, ירושלים)

משה מעלמאן

# אָפּשאַצונגען און זכרונות

גילה

## צו דיר!

האָסט מיך פאַריתומט
ווי אַ טאַטע אַ קינד,
אין גרויס מיין בענקעניש,
מיין טרויער אצינד.

ניטא מער דיין גוטע און ווארעמע האַנט,
ניטאָמער מיין ליבער, וואס האט געגלעט,
געקושט מיינע אויגן, ווען זיי האבן געטרערט.
אויסגעלאשן דאָס ליכט,
חרוב די היים.
און פון יענער זייט לאָדן, דער ווינט —
אזוי טרויעריק ברומט,
אזוי טרויעריק ברומט,

(ירושלים, נאָוועמבער 1983)

## די לבנה איבער ירושלים

דאָס יאר 1957.

מאקס איז צום ערשטן מאָל אין לעבן געווען אין דער אייביקער שטאָט, ירושלים. געווען איז עס ארום פסח־צייט, פרילינג, ווען די הויך־דינע ירושלימערביימער שטייען אין זייער פרילינגדיקן בלי און שפרייטן אזא ריח, אזא בשמימדיקן דופט אין דער יום טובדיקער לופט. מאקס שפאצירט אין די יום־טוב׳דיקע טעג אויף די גאסן און אלעען פון ירושלים, אָטעמעט איין אין זיך די שיכורע ריחות שפאצירט ביז דער שקיעה, און מיטאמאל — אַ פולע, ווייס — זילבערנע לבנה. שטעלט ער זיך אוועק און טענה׳ט זיך אויס מיט דער לבנה אין יידיש־לשון.

— צוריק אין פאריז ווערט ער ניט מיד צו דערציילן וועגן ירושלים.
„איך האב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען אַ יידישע לבנה —
צינדט זיך אָן אַ פייער אין זיינע אויגן — צום ערשטן מאָל אַ יידישע

לבנה, אַ לבנה וואס האב אין ערגעץ ניט געזען, ניט אין מערב, ניט אויפן וויטן מזרח. אַ קליינקייט! אַ יידישע לבנה, אין ירושלים.

## א מעשהלע וועגן אַ בלייער

בשעת אַ הייסער דיסקוסיע מיט חברים וועגן רעאליזם פון מדינת ישראל, וואָס עקזיסטירט אויף אַן ענגן שטח, ווער ווייסט ווי לאנג מען קאָן עקזיסטירן אין די ראמען פון אזא טעריטאריע האָט זיי מאקס דערציילט אַ מעשהלע פון זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט שוין דאן ליב געהאט צייכענען און האט אָבער ניט געהאט קיין בלייער, פלעגט ער מוזן אויסבאָרגן אַ בלייער ביי זיינע חברים, און נאָכדעם זיי באצאָלט מיט די צייכענונגען. אין איינעם פון די חנוכה־נעכט איז אין הויז געקומען צו פאָרן אַ גאסט, דער פעטער. ער האט גענומען דעם קליינעם משהלע אויף דער שויס און אים געפרעגט וואס פאר אַ מתנה ער וויל באקומען לכבוד חנוכה?

— פעטער, איך וואָלט געוואלט האָבן אַ בלייער?

— אזא געשאנק גאָר? מער ניט ווי אַ בלייער? — האט דער פעטער געשטויינט. דאס קינד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — יא, נאָר אַ בלייער.

דער פעטער האָט געזוכט אין די קעשענעס און ארויסגעצויגן אַן אָפּשניץ פון אַ בלייער, אים דערלאנג מיט אַ צוזאָג, אז מאָרגן וועט ער אים געבן אַ גאנצן בלייער.

משה האָט זיך ניט געקענט דערווארטן ביז ער וועט קומען אין חדר און באווייזן די חדר־יינגלעך די מתנה.

— איר זעט! איך האָב שוין מיין אייגנס אַ בלייער האָט ער געזאָגט מיט צעשטראלט פנימ׳ל.

— כא—כא—כא, — האָבן די קינדער געלאכט און געשפּאָט. אויך מיר אַ בלייער! סאיז דָאך נאָר אַ שטיקעלע בלייער.

— אמת, טאַקע נאָר אַ קליין בלייערל — האָט משה געענטפערט, אָבער פון היינט אָן וועל איך מער ניט דארפן בארגן בא אייך. ס׳איז קליין בלייערל, אָבער מיין אייגנס... טאקע אַ קליינער לאנד שטח, נאָר אונדזערס, אייגנס...

les fleurs le pollen. Si bien qu'à force de se frotter au bleu du ciel, la pierre prend cette porosité d'une peau tendue sur le temps, d'une éternité suspendue entre le soleil et le sel. Cette lumière prenait chez Max une densité, un éclat particuliers, comme un aiguisement de l'humain. Entre la pensée de l'homme et sa parole, on atteignait la maison de l'accueil, la maison odorante, la maison bleue et douce comme un refuge de la prière non encore proférée, de la vie qui reste à découvrir et à traduire, toujours à reprendre au premier accroc parce qu'elle n'a ni commencement ni fin.

Seulement cette vérité dans le regard de Max, cette vérité à crier parce que toute la vie aura été comme un cri qui s'étouffe dans la gorge de l'arbre, et l'on n'aura pas toujours su l'entendre et le comprendre...

Et pour Gela, l'arbre ne peut cesser de bruire, de toutes ses images, et le livre ne peut cesser, entre ses pages, entre ses mots, d'ouvrir le chemin de la lumière.

Charles DOBZYNSKI
Septembre 1983

de culture, des vies gravées en filigrane dans son visage et dans sa voix. Elles résonaient en lui et se multipliaient, tissant les fils d'un destin exemplaire et en même temps les fils du destin juif le plus communément partagé, canevas de la souffrance et de l'héroïsme, puzzle où prennent enfin soudure l'accompli et l'inaccompli...

Il y avait en Max un paysage humain plus profond qu'un miroir et qui reflétait tous les autres, trempé dans cette folle espérance de changer le monde qui l'avait habité et poursuivi dès sa jeunesse, de la Pologne jusqu'en France, et puis dans les steppes de l'Asie centrale, en quête d'une identité qui aurait pu être un Etat, pionnier de ce Birobidjan où il crut comme d'autres qu'un mythe pourrait devenir réalité, son rêve une véritable maison; mais la maison n'était qu'une fable et qu'une façade...

Et puis, Max, le voici de nouveau sur les routes de ce siècle qui ressemble à un interminable déraillement des rêves, il est avec sa femme Gela, tendrement appelée "maman" parce qu'ils étaient tous les deux presque encore des enfants lorsquils se sont connus. Ils ont ramené leur fils depuis les berges de l'Amour, ce fleuve qui a traversé toute leur vie. Et la vie trop vite a passé avec ses tragédies, ses grands et ses petits bonheurs, avant que Max pût voir enfin son rêve devenu sa vraie maison en Israël.

Max appartenait à cette espèce d'hommes dont les traces se ramifient autour de nous et plus jamais ne se dispersent. Jérusalem, qu'il avait choisie, rose des-vents de son destin, était en lui depuis longtemps l'inaltérable. Non point signe sacramentel d'une religion, cité par essence messianique, messagère, mais simplement signe de l'avenir.

A Jérusalem, la lumière produit un miel qui est nourriture de l'esprit, la pierre sécrète une lumière comme

## *LA VERITE D'UN REGARD*

pour Max Melman i.m.

Chaque homme est unique, on le sait, autant par ce qu'il fut que par la trace qu'il nous laisse. Si l'on en croit l'anthropométrie, sa seule empreinte valable, celle qui définit son identité aux yeux de la loi, est celle de ses doigts. Pourtant c'est toute sa vie qui est une empreinte, une grande feuille qui tombe dans la mémoire où s'inscrivent ses nervures et qui recueille la forme inachevée de son identité. Max ne ressemblait à personne. Il a néanmoins symbolisé pour moi la longue marche d'une génération.

Il y a des hommes - Max était de ceux-lá - qui sont aussi des arbres et des livres, peut-être ne le savent-ils pas eux-mêmes, leurs paroles nous transpercent comme des taches de lumière, et très longtemps dans la nuit on en gardera la traînée de lucioles. Ces hommes-là sont ceux qui donnent sens à notre temps, à ce que nous avons vécu. Car si les arbres sont porteurs de nids d'oiseaux et les livres de nids de mots, eux c'est l'histoire qu'ils portent dans leurs yeux, peut-être ne le savent-ils pas eux-mêmes, un ciel inversé ou blessé, décousu soudain par la foudre. Et quand Max, à Jérusalem, dans son chez lui limpide où l'on entendait bruire l'amitié comme un ruisseau dans la fraîcheur du matin, quand Max parlait de sa vie, ce n'était pas seulement sa vie que je voyais rougeoyer comme un indendie de forêt, enchevêtrement de sentiers, de racines et de brisures, mais des multitudes de vies partout identifiables à la sienne, des pérégrinations de migrateurs et de militants, des passions d'hommes de lutte et d'hommes

Gravement malade, il se conduisit comme il l'avait toujours fait: en luttant farouchement, jusqu'au dernier moment, lorsqu'il comprit que c'était sans espoir et qu'il me demanda que soit mis un terme à son traitement et que je veille désormais sur ma mère.

Ce que transmet un père juif?

Sans doute une une dette symbolique telle qu'il reste longtemps à hésiter avant de la laisser et cette hésitation même va désormais en faire partie. Mais, par le type d'interrogation qu'elle suscit, cette dette est peut être la source de la toujours vivante spiritualité juive.

Paris ce I5 X 83

Ch. Melman



fraternité et d'universalité du communisme; sa souffrance cessait ainsi d'être exceptionnelle pour trouver sa raison et sa place dans l'idéologie qui se proposait d'expliquer et de remédier à celle de chacun. En même temps pourtant, et sans réserve, il cultivait le goût des lettres juives, de ses poëtes, ses conteurs, son Encyclopédie qui peu avant la IIé guerre mondiale commencait à paraitre ...

Il lui fallut longtemps pour reconnaitre la perversité et la ruse de la société communiste, mais, comme beaucoup d'autres, où aurait il trouvé l'énergie de subsister sous l'occupation allemande s'il n'y avait eu cette espérance qui continuait de vaciller à l'Est?

Une fois la cruelle déception venue, et avec elle le désaveu des sacrifices, des peines, des risques d'un militantisme de tant d'années, se renforça chez mon père le sentiment que les lettres, elles, ne trompaient pas.

Il retrouva l'appetit d'une tradition qui, certes, n'était pas religieuse mais ressuscitait les sons et la couleurs de sa jeunesse, la mémoire des parents partis avec la fumée, emportés par les vents et à jamais invengés, car comment faire?

A Paris, il fréquentait maintenant un cercle de juifs libéraux et humanistes, partisans d'une solution nationale; une fois encore, il témoigna qu'il convenait d'accomplir ce qui là était partagé et enseigné, et, à 68 ans, il émigra de nouveau, pour Jérusalem maintenant.

A l'égard du pays, il fut bon citoyen, c'est à dire fidèle et critique. Il avait rêvé en effet d'une Cité plus céleste, où les rapports humains seraient simples, fraternels, directs, tels qu'il avait toujours essayé de les établir avec de ceux qui avaient travaillé avec lui; mais il savait que c'était un rêve et ses jugements étaient, comme on dit, raisonnables.

## *IL EST DIFFICILE D'ETRE UN PERE JUIF*

Il est difficile d'être un père juif. Que transmettre à son enfant en effet?

Si c'est une religion, il faut pour cela avoir un esprit porté à la foi. Et ne pourrait-on conserver une identitê qui serait juive sans partage l'éthique et le rituel d'une croyance?

Serait-ce alors transmettre une histoire? mais celle-ci est tellement marquée par l'horreur qu'elle ne peut que plonger l'enfant dans le désespoir ou bien dans une révolte, mais contre quoi?, c'est la question. Cet engagement ne peut que se mêler en effet aux luttes plus génerales qui combattent l'oppression sociale et politique, l'injustice, le racisme, et perd dès lors la particularité de la dette qu'il lui fallait acquitter.

Devra-t'il alors favoriser chez son enfant le sentiment d'une appartenance nationale? Mais outre que celui-ci n'a été repensé que depuis peu, la fin du XIXè siècle, il est manifeste que la judéité déborde les frontières d'un Etat; et elle ne se confond pas nécessairement avec les contraintes d'une politique qui ne peut plus être que celle d'une puissance régionale.

Convient-il alors de transmettre seulement une langue? Le yddich pourtant, bien que savoureux, n'est pas l'idiome du pays hébreu.

Mon père était tourmenté par ces questions et il a engagé sa vie afin d'essayer, pour lui même d'abord, d'y répondre.

C'est ainsi qu'il a cru devoir d'abord partager l'idéal de

**שארל מעלמאן,**
פאריז

## שווער צו זיין א יידישער טאטע.

שווער צו זיין א יידישער טאטע, וואָס זאָל ער באמת איבערלאָזן זיין קינד?

זאָל עס זיין א רעליגיע, דארף מען צו דעם האָבן א גייסט פון א מאמין.

און צי קאָן מען אויפהאלטן א יידישע אידענטישקייט נישט האָבנדיק קיין חלק אין דער עטיק און אינעם ריטואל פון א גלויבן? צי זאָל עס בכן הייסן איבערגעבן געשיכטע איז עס דאָך פול מיט גרוילן. אז זי קאָן א קינד טרייבן בלויז צו פארצווייפלונג, אדער צו רעוואָלט, אָבער קעגן וואָס? דאָס איז די שאלה: א רעוואָלט קאָן דאָך בלויז זיך ארייננשליסן אינעם געראנגל קעגן סאָציאלער און פּאָליטישער אונטערדריקונג, קעגן דער אומגערעכטיקייט, דעם ראסיזם און פארלירט אזוי ארום די באזונדערקייט פונעם געראנגל, וועלכן ער האָט דורכצופירן. דארף מען בכן לייגן דעם טראָפּ אויף דער נאציאָנאלער צוגעהעריקייט?

שוין אָפּגערעדט דערפון אז דער דאָזיקער געדאנק איז אויפגעקומען ערשט זינט א קורצע צייט ביים סוף פונעם 19 — טן יאָרהונדערט, איז קלאָר אז די יידישקייט גייט אריבער די גרענעצן פון א מדינה, זי מוז נישט דווקא זיין א פּאָליטיק, וואָס קאָן געפירט ווערן דורך א רעגיאָנעלער מאכט.

צי הייסט עס בלויז איבערגעבן א שפּראך, נאָר יידיש, ווי זאפטיק זי זאָל נישט זיין? זי איז דאָך נישט די שפּראך וואָס מען רעדט אין דער יידישער מדינה?

די דאזיקע פראגן האָבן געמאטערט מיין טאטן?

זיין גאנץ לעבן איז ער געווען פארנומען צו געפינען אויף זיי אן ענטפער, קודם כל פאר זיך גופא. אזוי האָט ער צום ערשטן געהאט

געגלויבט אז ער דאַרף זיך אָנשליסן אינעם אידעאַל פון ברידערלעכקייט און פון אוניווערסאַלישקייט, וואָס האָט זיך אים געדאַכט אַז עס טראָגט מיט זיך דער קאָמוניזם, במילא האָט ער געטראַכט הערן אויף זיינע ליידן צו זיין אַן אָפּגעזונדערטער גורל און געפינען זיין אָרט און באַשייד אין דער באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו דערקלערן אַלץ צו היילן די ליידן פון יעדן איינעם.

איינציייטיק איז זיין אינטערעס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אירע פּאָעטן און דערציילער געווען אומבאַגרענעצט.

עס איז נויטיק געווען נישט ווייניק צייט אויף צו דערקענען די גאַנצע ביטערקייט און פּערווערסיע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. אָבער פּונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדער, ווי וואָלט ער געקומען כוח אויסצוהאַלטן אונדער דער דייטשער אָקופּאַציע ווען ס'וואָלט נישט געווען אָט דער קאַיאָר וואָס האָט געמיניעט אין מזרח?

ווען ס'איז דערנאָך געקומען די אַכזריותדיקע אַנטוישונג, ווען ס'האָט זיך געהאַט אַרויסגעוויזן אַז די קרבנות און די סכנות פון אַזויפיל יאָרן פּאָליטישע אַקטיוויטעט זיינען געווען אומזיסט, האָט זיך נאַכמער פאַר שטאַרקט ביי אים דאָס געפיל.

האָבנדיק אָנגעהערט און פּאַריז און אַ באַוועגונג פון ליבעראַלע און הומאַניסטישע יידן אָנהענגערס פון אַ נאַציאָנאַלער לעזונג. איז ער ווידער אַמאָל געווען עדות אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי צו פאַרווירקליכן וואָס מען פּרעדיקט און עלטער פון 68 יאָר האָט ער נאָך אַמאָל פאַרלאָזט זיין ווײַנאַרט, דאָס מאָל כדי עולה זיין קיין ירושלים ער איז געווען אַ גוטער בירגער פונעם לאַנד הגם קריטיש צו באַשטומטע דערשיינונגען ער האָט מער געחולעמט וועגן אַ ירושלים של מעלה.

ווי די מענטשליכע באַציאונגען וועלן זיין פּשוטע ברידערליכע דירעקטע אַזוי ווי ער האָט תמיד געפּראָופט אונטערצושטעלן מיט די וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אַבער ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז אַ חלום, און זיינע מיינונגען זיינען געווען ווי מען זאָגט אין דער מאָס.

אַ שווער קראַנקער האָט ער זיך געהאַט אויפגעפירט, פּונקט ווי ער האָט עס תמיד געטאָן. געקעמפט מיט זיין גאַנצן כוח ביז צו די לעצטע

מינוטן, ווען ער האָט פארשטאנען אז קיין האָפענונג איז מער נישטאָ, האָט ער מיך געבעטן עס זאָל נעמען אַ סוף צו דער מעדיצינישער באהאנדלונג, און כ׳זאָל פון איצט אָן זאָרגן פאר מיין מוטער.

אַ יידישער טאטע לאָזט איבער אָן שום ספק א סימבאָלישן חוב. אזוי אז ער קווענקלט זיך א לענגערע צייט איידער אים איבערצוגעבן.און אט דאָס קווענקלעניש גופא איז אויך אטייל פינעם דאָזיקן עזבון.

אָבער טאקע דורך די פראגן און אפרעגן וואָס ס׳ רופט ארויס איז אפשר אט דער חוב אויך אקוואל פון דער חמיד לעבדיקער יידישער גייסטיקייט.

פאריז 15 אוקטאבער 1983.

יידיש. מ. ליטווין

# דער אמת פון אַ בליק

צום אָנדענק פון מאַקס מעלמאַן

יעדער מענטש איז איינציק דאָס ווייס מען, סײַ דורך דעם וואָס דעם וואָס ער איז געווען, סײַ דורך דער שפּור, וואָס ער לאָזט אונדז איבער. ווען מען זאָל גלייבן דער אַנטראָפּאָמעטריע, איז דער איינציקער גילטיקער אָפּדרוק זײַנער, יענער וואָס באַשטעטיקט זײַן אידענטישקייט על פּי החוק, זײַן פינגער־אָפּדרוק. בעצם אָבער איז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס אַן אָפּדרוק, אַ גרויס בלאַט, וואָס פאַל אַראָפּ אינעם זכרון, ווו סע שרײַבן זיך אַרײַן זײַנע ליניעס און וואָס זאַמלט אײַן די ניט־פאַרענדיקטע פורעם פון זײַן איך. מאַקס איז צו קיינעם ניט געווען ענלעך. פון דעסטוועגן האָט ער פאַר מיר סימבאָליזירט דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון אַ דור.

פאַראַן מענטשן — מאַקס איז געווען איינער פון זיי — וואָס זיי זיינען אויך ביימער און ביכער. זיי גופא ווייסן עס אפשר גאָרניט, נאָר זייערע ווערטער דורכשטעכן אונדז ווי ליכטפלעקן, און לאַנג, לאַנג אין דער נאַכט וועט מען אויפהיטן פון זיי די ליכטפאַסמע פון גליווערעמלעך. די־אָ מענטשן זײַנען עס, וואָס געבן אַ זינען פאַר אונדזער צײַט, פאַר דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט איבערגעלעבט. מחמת אויב די ביימער זײַנען טרעגערס פון פייגלנעסטן, און די ביכער פון ווערטערנעסטן, טראָגן די דאָזיקע מענטשן אין זייערע אויגן — זיי גופא ווייסן עס אפשר גאָרניט — די געשיכטע, אַן איבערגעקערטן צי פאַרוווּנדעטן הימל, צעפּאַסעוועט דורך פלוצלינגדיקע בליצן. און ווען מאַקס פלעגט אין ירושלים אין זײַן לויטערן בייזיך, ווו מען פלעגט די פרײַנדשאַפט הערן ריזלען ווי אַ טײַכל אינעם פרישן פרימאָרגן, זיך נעמען דערציילן פון זײַן לעבן, איז עס געווען ניט בלויז **זײַן** לעבן, וואָס איך פלעג האָבן געזען זיך פורפלען ווי אַ וואַלד — שרפה, אַ פאַרפלאַכטע פון סטעזשקעס, פון וואָרצעלען און פון איבערבראָכן, נאָר אַ מאַסע פון לעבנס, אומעטום דערקענטלעכע ווי זײַנסלײַכן: וואָגלענישן פון וואַנדערערס און טוערס, ליידנשאַפטן פון קעמפער און פון גײַסטמענטשן — לעבנס אײַנגראַווירטע ווי פיליגראַן־אַרבעט אין זײַן פנים און אין זײַן שטים. זיי האָבן אָפּגעהילכט אין אים,

זיך פֿאַרפּילפּאַכיקט, צונויפֿגעלייגט דאָס פֿאַרענדיקטע און דאָס ניט־פֿאַרענדיקטע...

געווען איז אין מאַקסן אַ מענטשלעכער פּייזאַזש טיפֿער ווי אַ שפּיגל. אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַלע אַנדערע, פֿאַרהאַרטעוועט אין אָט דעם דולן האָפֿן צו פֿאַרענדערן די וועלט, וואָס האָט אים באַזעסן און איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון זײַן סאַמער יוגנט אָן, פֿון פּוילן ביז פֿראַנקרײַך, און דערנאָך אין דר טאַגע פֿון מזרח־אַזיע אויף דער זוכעניש נאָר אַן אידענטיטעט, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן אַ מדינה, אַ פּיאָניר פֿון יענעם ביראָבידזשאַן, ווו ער האָט געהאַט געגלויבט, ווי אַ סך אַנדערע, אַז אַ מיטאָס וואָלט געקאָט דאָרט ווערן ווירקלעכקייט, זײַן חלום — אַן אמתדיק הויז. אָבער דאָס הויז איז געווען בלויז אַן אויסטראַכטעניש און אַ פּאַסאַד...

און אָט איז מאַקס דערנאָך ווידער אויף די וועגן פֿונעם דאָזיקן יאָרהונדערט, וואָס זעט אויס, ווי אין אים וואָלטן די חלומות כּסדר אַראָפּ פֿון די רעלסן. ער איז מיט זײַן פֿרוי געלאַ, וואָס הייסט בײַ אים צערטלעך "מאַמע", מחמת זיי זײַנען ביידע נאָך כּמעט געווען קינדער, ווען זיי האָבן זיך באַקענט. זיי האָבן מיטגעבראַכט זייער זון פֿון די ברעגעס פֿון אַמור, דער טײַך מיטן נאָמען פֿון ליבע, וועלכע האָט דורכגעשטראָמט זייער גאַנצן לעבן. און צו גיך איז געגאַנגען דאָס לעבן מיט זײַנע טראַגעדיעס, זײַנע גרויסע און קליינע גליקן, ביז מאַקס האָט ענדלעך געקאָנט זען, ווי זײַן חלום איז געוואָרן די אמתע היים זײַנע אין ישׂראל.

מאַקס האָט געהערט צו יענעם מין מענטשן, וועמענס שפּורן פֿאַרצווײַגן זיך אַרום אונדז און פֿאַרשפּרייטן זיך מער קיין מאָל ניט פֿונאַנדער. ירושלים, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעוויילט, ווינטן־רויז פֿון זײַן גורל, איז שוין פֿון לאַנג אָן געווען אין אים דאָס באַשטענדיקע. ניט הייליקער סימן פֿון אַ רעליגיע, שטאָט וועדליק איר מהות אַ משיחישע, אָנזאָגערישע. נאָר פּשוט און דירעקט: צייכן פֿון דער צוקונפֿט.

דאָס ליכט אין ירושלים שאַפֿט אַ האָניק, וואָס איז נערונג פֿאַרן גײַסט. דער שטיין שײַדט אויס אַ ליכט ווי די בלומען דעם בלומענשטויב. אַזוי שטאַרק, אַז געריבן כּסדר אינעם הימלבלאָ, באַקומט דער שטיין די דורכלאָזיקייט פֿון אַ הויט אָנגעצויגן אויף דער צײַט; פֿון אַן אייביקייט

אויפגעהאָנגען צווישן זון און זאַלץ. דאָס דאָזיקע ליכט פלעגט בײַ מאַקסן באַקומע אַ געדיכטיקייט, אַ באַזונדערן גלאַנץ, ווי אַ פאַרשאַרפונג פונעם מענטשלעכן. צווישן דעם געדאַנק פונעם מענטש און זײַן וואָרט פלעגט מען דערגרייכן צו דער מכניס־אורחימדיקער היים, צו דער שמעקעדיקער היים, אַ היים אַ בלאָע און מילדע ווי אַ מקום־מקלט פאַר נאָך ניט אַרויסגעזאָגטער תפילה, פאַר לעבן, וואָס מען דאַרף נאָך אויסגעפינען און פאַרטײַטשן, און בײַם ערשטן ריס תמיד ווידער אָנהייבן, מחמת עס האָט ניט נישט אָנהייב, נישט סוף

נאָר אָט דער אמת אינעם בליק פון מאַקסן, דער אמת אויף אַרויסצושרײַען. ווײַל אַניט וואָלט דאָס גאַנצע לעבן האָבן געווען ווי אַ געשריי דערשטיקט אין דער קעל פונעם בוים, און מען וואָלט נאָך אַלץ ניט געהאַט געוווּסט, ווי אַזוי אים צו הערן און צו פאַרשטיין.

און פאַר געלען קאָן דער בוים ניט אויפהערן צו רוישן מיט אַלע זײַנע געשטאַלטן, און דאָס בוך קאָן ניט אויפהערן צו עפענען צווישן זײַנע בלעטער, צווישן זײַנע ווערטער דעם וועג צום ליכט.

**שאַרל דאָבזשינסקי**
סעפּטעמבער 1983.

מאיר חַרַץ

# אויסער די ראַמען

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פריינט מאקס מעלמאן ז״ל

צי קאָן מען דעם טרויער־דאָרשט שטילן,
פאַרמעקן דעם טויט מיט אַ שמייכל
אין די ראַמען פון מענטשלעכן פילן,
אין די ראַמען פון מענטשלעכן שכל?

אין די ראַמען פון מענטשלעכן פילן,
אין די ראַמען פון מענטשלעכן שכל
קאָן מען דעם טרויער־דאָרשט שטילן,
פאַרמעקן דעם טויט מיט אַ שמייכל

נאָר וואָס איז אויסער די ראַמען
פון מענטשלעכן פילן און דענקען,
דאָרטן פון וואַנען מיר שטאַמען,
אַהינצו, וווהין מיר בענקען?

דאָרטן, פון וואַנען מיר שטאַמען,
אַהינצו, וווהין מיר בענקען,
וועט בלייבן אויסער די ראַמען
פון מענטשלעכן פילן און דענקען.

ירושלים, 25 סטער סעפטעמבער 1983.

# דאָס איז די וועלט

ביימערדיק גראָז
און ערדענע עפּל.
אַן ערדענע גלאָז
און אַ גלעזערן טעפּל.

דאָס איז די וועלט,
די איבערגעדרייטע,
דאָס איז די וועלט,

**ניטאָ איז קיין צווייטע.**

**אויך יענע וועלט**
**ניט מער ווי אַ שפּיגל**
**פון היגן פעלד,**
**פון וואַלד פונעם היגן.**

**ביימערדיק גראָז**
**און ערדענע עפּל,**
**אַן ערדענע גלאָז**
**און אַ גלעזערן טעפּל.**

ירושלים, 6.8.1983.

★ ★
★

אויף די פעלדער איז נאָכן שניט,
אויף די וועגן איז נאָכן ליד,
אויפן הימל איז גאָרניט ניט

אויף די פעלדער איז וויסט און גראָ,
אויף די וועגן איז גאָרנישטאָ,
אויף די הימלען איז אויך נישט בלאָ

נאָך אַ שורה מיט נאָך אַ וואָרט,
נאָך אַ פּאַסיקער אַקאָרד,
נאָך אַ פינקטלעך בילד פון אָרט.

פונעט אָרט מיטן אַרום,
ס'קומט נישט גאָרנישט צו דערפון,
ס'גייט דערפון נישט אויף די זון.

ירושלים, 20סטער אָקטאָבער 1983

★ ★
★

ה. בולאווקא, פאריז

## מאקס מעלמאן, איז תמיד געבליבן טריי זיין אידעאל

איך געדענק ניט גענוי ווען איך האָב זיך נעענטער באקאנט מיט מאקס מעלמאן. פּאָליטיש איז עס צושטאנד געקומען נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה (יוני 67), ווען דאס פּינטלעך יידישע האט זיך צעפלאקערט אפילו ביי די וועלכע האָבן ביז דעמאָלט ניט איבערגעלעבט טאָג־טעגלעך די אנטוויקלונגען אין מיטעלן מזרח, וואָס האָט געשטעלט אין קאָן די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

מאָראַליסטן (דאס איז אַ ראסע פון וועלכער מען דארף זיך אָפּט היטן). וועלן זאָגן, אז זיי האבן געדינט פרעמדע געטער, אָבער איך בין ניט זיכער, צי אזוי דארף געשטעלט ווערן די פראגע. זיי, די יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן געשטרעבט צו באפרייען די מענטשהייט, און איפּסאָ פאקטאָ זייער אָרעמען און גערדופטן יידישן פאָלק. זיי האָבן אַ טעות געהאט, אָבער זיי זיינען געווען איינציקע אין זייער מין. ווער געדענקט ניט די זיכערקייט פון די דייטשע אדער פראנצויזישע יידן ("דייטשן פון מאָזאַישן גלויבן", אדער "פראנצויזישע איזרעאליטן"), וועלכע זיינען געווען זיכער אז פּאָגראמען קאָנען פארקומען נאָר אין די ערטער פון די "אָסט־יודן" אָבער ניט אין די ערטער וואו עס וואוינען די אלט־באזעסנע בירגער פון זייער היימלאנד. בכלל האָבן יידן די טבע פון חלומען טרוימען און גלויבן, אָן שום אוטיליאטאָרישן חשבון און עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס די אנטוישונג פאָדערט אָפּט אַ טייערן פּרייז.

צווישן די וועלכע האָבן זיך אנגעשלאסן אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג, האָבן טאקע אַ סך פון זיי באצאָלט מיט זייער לעבן, זיי זיינען געפאלן ווי קרבנות פון דעם סטאלין־רעזשים און זיינע משרתים. די פּראָצעסן פון דער פאר מלחמהדיקער עפּאָכע האט אָבער ניט צעטרייסלט אין האָט ניט אויסגעוועפּט דעם גלויבן אין דער הייליקייט פון דער פּארטיי־ליניע...

מאקס מעלמאן (און זיין לעבנס־באגלייטערין צו לאנגע יארן, גילא)

זיינען אפילו געווען צווישן די זעלטענע וועלכע איבערגעלעבט די "ציוניסטישע" אוואנטיורע פון בירָא־בידזשאַן, נאָר די אנטוישונג האָט זיי ניט אָפּגעשטויסן ווייט פון דער באוועגונג וועלכע זיי האבן געדינט מיט זייער גאנצער נשמה...

מען קען זאָגן אז מעלמאנס לעבן איז איינגעטיילט אין פיר הויפּט־קאפּיטלעך. זיין יוגנט אין פוילן, זיין בירָא־בידזשאנער עקספּערימענט (וועגן דעם וועלן עדות זאגן בארופענע עדות), זיין טעטיקייט אין פאריז און שפּעטער אין ירושלים, וואו ער האָט זיך דערנעענטערט צו זיין אמאָליקן פריינט לעאָפּאָלד דאָמב־טרעפּער.

זיין קומען קיין פאריז אין יאר 1929. וואו ער איז געקומען געפינען אַ מקום מקלט ווי פילע אנדערע יידישע רעוואָלוציאנערן פון מזרח אייראפּע. אין 1932 איז ער געפארן מיט זיין פרוי און איין־איינציק קינד קיין בירָאבידזשאן, אבער האט זיך אומגעקערט פון דארט צוויי יאר שפּעטער.

אין 1934 האט ער דורכגעמאכט אין פראנקרייך די תקופה פון שארפע קאמפן צווישן די לינק־דעמאָקראטישע קרייזן און די רעקאציאנער־פאשיסטישע עלעמענטן, ווען אין מוסאָלינים איטאליע און אין היטלערס דייטשלאנד איז דערשטיקט געווארן יעדער פרייער אויסדרוק. האָבן די רעאקציאָנערע עלעמענטן אין פראנקרייך אויך געמיינט אז זייער שעה האט געשלאגן, און דעם 4־טן פעברואר זיי מארשירט אויפן פארלאמענט. די ארבעטער מאסן האבן זיך קעגן געשטעלט די וועלכע האבן מארשירט אויפן פארלאמענט, און עס זיינען געפאלן קרבנות. אין דער צייט וואס די רעאקציע האט זיך פּאַרמאָסטן אויף דער דעמאָקראטיע, זיינען אויך די קאמוניסטן ארויס אויף די גאסן און אויפגעשטעלט באריקאדן אויפן בעלוויל (א געדיכטער יידיש־באוואוינטער קווארטאל). די פּאָליציי האט געשאָסן און עס זיינען געפאלן אנטי־פאשיסטישע קעמפער. דעם 12־6 פעברואר איז ארויסגערופן געוואָרן אַ גענעראל (אלגעמיינער) שטרייק, און די לינקע סינדיקאליסטישע כוחות האָבן פארשטאנען אז מען מוז זיך פארמעסטן קעגן דער פאשיסטישער געפאר וואס באדראָט דעם נאציאנאלן קיום פון גאנץ פראנקרייך.

נאך צוויי יאר האָבן געזיגט די כוחות פון פראנצויזישן פאָלקס־

פראנט, אונטער דער פירערשאפט פון סאָציאַליסטישן פרעמיער לעאָן בלום.

אין אָט־דער אַטמאָספעריע האָט געלעבט און געווירקט מאַקס מעלמאַן. ווי אַ ייד מיט אַ מיליטאַנטער דערפאַרונג, האט אים ניט געפעלט קיין ארבעט. ער האָט ווידער (נאָך זיין צוריקקער פון ווייטן מזרח) פארנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, און האָט געשאַפן דעם האַנוטערקער־פארבאַנד. דער דאָזיקער פארבאַנד האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ניט נאָר אין די סאָציאַלע קאַמפן נאָר אויך שפּעטער אין דער ווידערשטאַנד באַוועגונג קעגן דער נאַצישער אָקופּאַציע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך מעלמאַן פרייוויליק געשטעלט אין דינסט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. מען האָט אים געשיקט אין מיליטערישן לאַגער אינאיינעם מיט פיל אַנדערע פרייוויליקע. אין די אָקופּאַציע־יאָרן האט ער געוואוינט אין ליאָן וואָס איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון די ווידערשטענדלער. ער איז דאָ ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט.

★ ★
★

אין 1947 — 1948, ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשטיצט דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה, איז די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, פאַרשטייט זיך, אויך געווען סימפּאַטיש... אין יענע גרויליקע מלחמה יאָרן קעגן דער נאַצישער חיה האָבן זיך פילע יידישע קרייזן דערנענטערט צום ראַטן פאַרבאַנד, וואָס האָט געשטיצט, אינאיינעם מיט טשעכאָסלאָוואַקיע, דעם קאַמף פון ישראל פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט. אַ סך פון די ראַדיקאַלן האָבן איצט אָפן אָנגעהויבן סימפּאַטיזירן מיטן ציוניסטישן געדאַנק און דעם וואוילזיין און זיכערקייט פון דער יונגער יידישער מדינה. אָבער די אידיליע, די האָניק־חדשים פון ראַטן פאַרבאַנד און ישראל, האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין רוסלאַנד האָט זיך געשטעלט אַ נייע עפּאָכע, יענע פינצטערע סטאַלינישע תקופה אין וועלכע די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין ס. וו. זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

עס איז אויסגעבראָכן דער 6־טאָגיקער קריג, און דער ראַטן־פאַרבאַנד

האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אראבישע שונאים פון ישראל. דאַן האָבן פילע יידישע קאָמוניסטן ניט נאָכגעפאָלגט די נייע ליניע און גרויסע צאָלן פון זיי זיינען ארויסגעטראָטן פון דער די קאמוניסטישע רייען. און פון זיינע "מאסן־ארגאניזאַציעס", און האָבן זיך געשטעלט אויפן צד שכנגד. אנדערע זיינען "מיטגעגאנגען" מיט דער נייער ליניע.

מעקס מעלמאַן האָט געוואוסט אז אין ארץ ישראל נאָך פאַרן אויפקום פון דער מדינה, האָבן זיך געפונען יידישע קאָמונאלע ווירטשאפטן, די קיבוצים, באזונדערס די השומר הצעיר קיבוצים, וואס קאָנען דינען אלס געלונגענער עקספערימענט פון סאָציאליסטישן אידעאל, און די פאַראייניגטע ישראלדיקע ארבעטער פארטיי־מפ״ם. אין אָט־דער פארטיי האָט מעלמאַן געפונען דעם סינטעז פון ציוניזם־סאָציאליזם, וואָס איז אים שטענדיק געווען נאָענט. פעלקער־פריינטשאפט און שלום אויפן נאָענטן מזרח, האָט אים באזועלט און באגייסטערט. דאַן האָט מעלמאַן מיט אַ גרופע חברים געשאפן די אָרגאניזאציע "פריינט פון מפ״ם, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן אין פראנקרייך.

גרויס איז געווען דער פעלד פון ארבעט אויף וועלכן מאקס און גילא האָבן געארבעט, און אויסגענוצט זייער לאנג־יאָריקע אָרגאניזאציאנעלע דערפארונג. דער שטח — זייער וואוינונג ביים ווענסענער וואלד, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די באגעגענישן און די דיסקוסיעס. דאָס איז געווען אַ פריינטלעכע ווארעמע היים, וואו עס זיינען ארומגערעדט געוואָרן אלע פאָליטישע אנטוויקלונגען.

מאקס מעלמאַן האָט זיך אָבער ניט צופרידנגעשטעלט מיט זיינע אקטיוויטעטן פאר דער נאָציאנאל־סאָציאליסטישער באוועגונג אין ישראל. עס האָט אים געצויגן, ווי כישוף־מאגנעט, צו דער אייביקער ירושלים, וואוהין ער האט עולה געווען מיט זיין פרוי צוזאמען מיט אינזשנער משה קעלנער און זיין פרוי ע״ה און אנדערע.

אין ירושלים האָט ער זיך ווידערגעשטעלט צום דינסט פון די יידישע פאָלקס־מאסן. ער האָט דאָרט געשאפן די יידישע קולטור־ארגאניזאציע "צוותא ביידיש", זיך אקטיוו באטייליקט אין וועלט־פארבאנד פון מפ״ם, און אין אלע וויכטיקע קולטור־אונטערנעמונגען און פראָיעקטן. פון צייט צו צייט האָט ער באזוכט פאריז, און זיין היים אין שאראנטאָן, אַ פאריזער

פאָרשטאָט איז ווידער געוואָרן אַ צענטער פאַר פריינט און אידעאישע חברים, וואו עס זיינען פאָרגעקומען הארציקע מסיבות. דאָ האָט ער זיך אויך געטראָפן מיט זיין אַמאָליקן יוגנט־חבר לעאפלד טרעפער, וועלכער האָט זיך אויך שפּעטער באַזעצט אין ירושלים, און מעלמאן האָט איבערזעצט אויף יידיש זיין באקאנט ווערק וועגן דער "רויטער קאפעליע". מעלמאן האט זיך געגרייט אָנצושרייבן זיינע וויכטיקע מעמוארן, וואָס ער האָט ליידער ניט באוויזן אָנצושרייבן און עס איז צו האָפן אז פון זיינע פארבליבענע נאָטיצן וועלן אנדערע פארגאנצען זיין לעבנס־ווערק.

איך וויל פארענדיקן די פארצייכענונג וועגן מיין פריינט און חבר מאקס מעלמאן, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין די הערצער פון זיינע חברים לדעה ולעבודה, ווי איינעם פון די זעלטענע יידישע מענטשן פון אונדזער דור. איך זע אים עד היום מיט זיין ליבן שטענדיקן שמייכל, איך דערמאָן זיך זיין בליק, אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ סך געזען און אזויפיל איבערגעלעבט, דעם מענטשן, וואָס האָט געוואוסט, אז כדי טריי צו בלייבן דעם יידיש־מענטשלעכן אידעאל דארף מען צאָלן אַ גרויסן פרייז.

מעלמאן איז געבליבן טריי דעם אידעאל, געטריי צו זיך אליין. עס בליבט איבער פאר מיר און פאר אלע זיינע חברים, צו בלייבן טריי צו זיין אידעאל און פארזעצן קדי קאמפן וועלכער האט געווידמעט זיין לעבן. נאָר אזוי וועלן מיר אפגעבן דעם אמתן כבוד זיין אָנדענק.

★ ★

**יעקב גוטפריינד**
**ירושלים**

## אייניקע מחשבות וועגן אַ פארגאנגען שטורמיש לעבן פון אַ געזעלש. פאליט. קולטור — טוער.

ווען גילה, די געטרייע לעבנס — באגלייטערן אין משך פון איבער אַ האלב יאָר הונדערט פון איר מאן **מאקס מעלמאן** ז״ל האט מיך געבעטן אָנשרייבן עטלעבע הספד — ווערטער צו דער דאָזיקער יזכור — אויסגאבע האב איך זיך אזוי געטראכט:

אָט זיצט פאר מיר אַ פרוי, וואָס האט באגלייט, טריט נאך טריט, און מיטגעמאכט אַ שטורמיש לעבן פון אַ יידישן רעוואלוציאנערן קעמפער און ארבעטער־טוער. אזא מן נאָענטער עדות פון אויפשטייג, ענטוזיאזום, אידעאָלאָגישע ראנגלענישן, שווערע, פיינליכע אנטוישונגען א.א.וו. און דאָס אלץ, סך הכל אין אַ געשיכטע פון איין לעבן.

און אסארא לעבנס — וועג אדורגעמאכט!...

ווארשע־פאריז, פאריז־ביראָבידזשאן, ביראָבידזשאן־פאריז און די לעצטע סטאנציע פאריז־ירושלים...

א וועג — ווי מען זאגט — פאָלג מיר אַ גאנג...

די חבר׳טע גילה וואָלט דאך, געקענט, ארויסברענגען דעם לעבנס — וועג און מיט דעם פאראייביקן נישט בלויז דעם אָנדענק פון איר מאן נאָר אויך געקענט געבן אַ וויכטיקן צושטייער צו דער געשיכטע פון דער ייד. ארבעטער־באוועגונג.

עס זענען דאָ געשטאלטן, וואָס זענען אזוי פאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע פונעם כלל, געשעענישן, פאסירונגען, אַז צו וואָסארא מינדעסטן פראגמענט פון זייער לעבן זאָלסט זיך נישט צו רירן, רירסטו אָן אַ שטיק געשיכטע פון אונדזער מענטשלטכער געזעלשאפט.

אויף מיר פאלט דאָ אויס ארויסצוברענגען נאָר אַ קליינעם פראגמענט פון זיין לעבנס־טעטיקייט, און דאָס איז נישט קיין לייכטער עניין.

עס שרייבט זיך מיט אַ זייער שווער הארץ. ווייל איך האָב ווייט נישט דערוואַרט, אַז אַזאַ מין ברען, טעמפּעראַמענט, ענערגיע זאָל אַזוי שנעל זיך אויסלעשן און דווקא אויף מיר זאָל פאַלן דער ביטערער גורל פון זיין דער מספּיד...

דער גורל האָט, אָבער געוואָלט, אַז מאַקס מעלמאַן זאָל זיך אַריינפעלכטן אין מיין געזעלשאַפטלעכער לעבנס — קוים מיט איינעם פון די ערשטע רינגען און זאָל ביי מיר אַרויסרופן מחשבות וועגן אַ ווייטער פאַרגאַנגנהייט פון מער ווי אַ יובל יאָרן צוריק. פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע.

עס האָט געקענט זיין סוף 1924 אָדער אָנהייב 1925.

**מאַקס** שוין דעמאָלט, מיט אַן אויסקריסטאַליזירטער וועלט־אָנשויאונג, אַ רייפער טוער אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין וואַרשע און איך שטעל איצט די ערשטע טריט אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

איך טרעף זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל צונויף ביי זיך אין שטוב, אויף אַ צוזאַמענקונפט פון אַן אומלעגאַלער גרופּע פון לינק־געשטימטע יוגנטליכע אַרבעטער, מיטגלידער פון פּראָפ. פאַריין פון מעבל־סטאָלער א. דגל. אין וועלכן מיין יונגערער ברודער איז געווען אַנגעשלאָסן און אַגב ער האָט געגעבן דעם לאָקאַל פאַר דער דאָזיקער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג. ווען איך זעלבסט בין דאַן שוין געווען אַ מיטגליד אין פּראָפ. פאַריין פון האַנדלס און ביוראָ — אָנגעשטעלטע אויף נאָוואָליפּקי־גאַס 38 (אַגב דער איינציקער יידישער פּראָפ. פאַריין אין וואַרשע אונטער דער השפּעה פון דער לינקער פּועלי־ציון).

פון זיין רעפעראַט ביי דער דערמאַנטער גרופּע, פון זיינע באַריכטע, דעמאָלט פּראָבלעמען האָט זיך אין מיין זכרון, אין פאַרלויף פון די פינף צענדליק יאָר וויניק־וואָס פאַרקריצט נאָר פאַרהאַלטן האָט זיך, אין מיין זכרון זיין פּאַטאָס, טעמפּעראַמענט, זיינע פלאַמיקע אויגן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנצינדן די אַרומיקע 14 — 15 — 16 יאָריקע יוגנטליכע אַרבעטער צום קאַמף און גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן...

און ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזעען, נאָך אַזאַ מין לאַנגן צעשיידונגס פּעריאָד ווען איך האָב געהערט **מאַקסן** רעדן, דאָ אין

ירושלים, אין דער וווינונג פונעם שרייבער **לייב ראכמאן** ז״ל, אויף אן אויפנאמע פארן שרייבער **בנימין שלעווין** ז״ל פון פראנקרייך — האָב איך נאך אלץ באמערקט יענעם יוגנטלעכן פאטאָס, ברען אין זיינע אויגן...

דעם דאָזיקן זעלבן פאטאס אין פלאם איז מיר אויסגעקומען שפעטער נאכצופאלגן סיי ביי עפענטלעכע זיינע ארויסטרעטונגען סיי ביי זיצונגען, צוזאמענקונפטן פונעם קולטור־קלוב ״צוותא ביידיש״, פון וועלכן ער איז געווען פון די ענטוזיסטישע גרונט־לייגער און וויצע־פּאָרזיצער, און מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן עטלעכע יאָר, נאָך דעם ווי אונדזערע וועגן האָבן זיך געהאט ״פונאנדערגעגאנגען״ אזש 50 יאָר... און דאָס יאָרן פון יוגנט־ענטוזיאזום, שטורמישע, אידעאישע דערהויבנקייט, העראָישע און גרויליקע יאָרן פון תפיסה, פּאָליטישע עמיגראציע, וואַנדערונגען, יאָרן פון מלחמה־פּיין, געפאַרן, קאמף, ביטערע אנטוישונגען א.א.וו. א.וו.

ביז... — ווי פאראדאקסאל דאָס זאָל נישט קלינגען האָבן זיך ווידער צענויפגעטראָפן די וועגן אונדזערע, און ווו — נישט ערגעץ אנדערש — אין ירושלים אלס אירע תושבים, געבונדן דעם גורל מיטן גורל פון מדינת ישראל.

געקומען איז **מאקס** קיין ישראל נישט בלויז, ווי זיינס גלייכן מיט אַ באלאָדעענעם געזעלשאפטלעכן באגאזש נאר אויך, נאך אלץ מיט אַ ברויזנדער נאטור האָבנדיק אדורגעמאכט אן אידעאָלאָגיש־פּאליטישע מעטאמאָרפאָזע, געקומען שוין אלס אקטיווער טוער אין דער ציוניסטישער באוועגונג, אין די רייען פון מפ״ם.

דאס קאפיטל געזעלשאפטלעכע פּאליטישע טעטיקייט אין די יאָרן אין פראנקרייך, ביז זיין עולה זיין קין ישראל אין 1975, לאָז איך איבער פאר מער בארופענע ח״ח און פריינד, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט און געווען דאָרט געבונדן אויף פארשידענע געזעלשאפטלעכע אָפּשניטן מיט מאקסן.

דאָ אין ירושלים, האָט ער אין פארלויף פון זיינע לעצטע עטליכע לעבנס־יאָרן דאָ געגעבן זיין אקטיוון ביישטייער אויפן יידישן קולטור־געביט, צו זאל עס זיין, אנהויב מיט איינאָרדנען אַ ריי ליטעראַרישע צוזאמענקונפטן ביי זיך אין דער דירה פאר **אסתר רוזנטאל** —

**שניידערמאַן** צום דערשיינען פון איר ערשט בוך אָדער פאַר אַ **לייב דאָמב־טרעפּער** א. אנד. צי פאַר שרייבער און גזעלשאַפטליכע קולטור — טוער פון חוץ לארץ, ווי פאַר אַ **שאַרל דאַבזשינסקי ב. שלעווין** א.אנד. נאַר גאַר באַזונדער איז זיין ענערגיע און איניציאַטיוו געקומען צום אויסדרוק אין זיין טעטיקייט אין "צוותא ביידיש", וואָס **מאַקס מעלמאַן** האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ שטאַרק ענטוזיאַזם, אָבער לײדער דער ענטוזיאַזם, ביי נישט איין געזעלשאַפטלעכן טוער פאַרשטעלט אָפט די שווערע ווירקלעכקייט...

דער לאָקאַל, די פייכטע חורבה איז ווייט נישט געווען פּאַסיק פאַר קיין קולטור־קלוב דערצו מיט אַ לייען — זאַל און ביבליאָטעק צו וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט און געהאָפט, ווי אַנדערע צו זעען דעם קלוב "צוותא ביידיש" ווי אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין יידישן קולטור־לעבן אין ירושלים. נאָר לײדער, די עקזיסטירנדע שוועריקייטן האָבן געקענט אַנטוישן...

די אַלע שוועריקייטן האָבן געקענט איצט באַזייטיקט ווערן מיטן פאַראייניקן "צוותא ביידיש" מיט דער ייד. קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

צו אונדזער גרויסן צער האָט אָבער **מאַקס** דעם דאָזיקן פאַראייניקונגס — אַקט נישט דערלעבט. די, וועלכע וועלן, אָמאָל, ווען עס זאָל נישט זיין, נישטערן אין די אַרכיוון פון יידישע קולטור — אינסטיטוציעס אין ירושלים וועלן זיכער זיך אָנטרעפן אויפן נאָמען: **מאַקס מעלמאַן**, דעם אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן קולטור — טוער און שוין דערמיט האָט **מאַקס** פאַראייביקט זיין אָנדענק, אין ירושלים.

אָבער גאָר באַזונדער האָט ער זיין נאָמען פאַראייביקט מיטן איבערזעצן דאָ אין ירושלים אין יידיש דאָס בוך די "רויטע קאַפּעלע" פון לייב (ליאָפּאָלד) טרעפּער — דאָמב, ז"ל וועלכער האָט בעת דער צווייטער וועלט — מלחמה אָנגעפירט מיט אַן אַנטי־נאַצישער אָרגאַניזאַציע.

מיט אָט־דעם אויבן — דערמאָנטן ביישטייער אויפן ייד. קולטור — געביט בעת די עטליכע יאָרן פון זיין לעבן אין ירושלים האָט **מאַקס** זיך פאַרקריצט אין זכרון ביי זיינע חברים, פריינט און סביבה אויף לאַנג.

מרדכי שנער (תל־אביב)

## ״יאָרן״ און ״טעג״ לויט דער אויפפאסונג פון מאקסן

ביי אַ פערטל יאָרהונדערט האָב איך זיך נישט געזען מיט מאקסן, פון מיין עולה זיין פון פאריז קיין ישראל, ביז זיי, מאקס און געלא, האָבן זיך באזעצט און איינגעאָרדנט אין ירושלים. איך האָב אומדערוואַרט דערהאלטן פון אים אַ בריוול, אין וועלכן ער שרייבט: ״— — — איז אויב דו האָסט פארגעסן מיך און יענע יאָרן, וועלן מיר זיך אוועקזעצן און דערמאָנען...״ און ער האָט ״יענע יאָרן״ קורץ כאראקטעריזירט אין דאָזיקן בריוול: צייטן פון אמונה און טאַט, וואָס האָבן זיך, נאָכן אויפוואכן און אויסטשוכען זיך, ארויס־געוויזן אלס אנטוישנדיקע חלומות״. לייענדיק אַ געריירטער דאָס בריוול, האָב איך קלאָר זיך דערמאָנט, אז דעם אויסדרוק ״אנטוישנדיקע חלומות״ האָב איך פון אים שוין געהערט, אמאָל־אמאָל, מיט אַ פינף יאָרצענדליקער צוריק...

עטלעכע טעג נאָכן דערהאלטן דאָס בריוול, האָב איך אים אָפּגעוואַרט אויף דער תחנה מרכזית אין תל־אביב. מיר האבן זיך לאנג געהאלטן אומגעאָרעמט און ווען מיר זענען געבליבן שטיין איינער אנטקעגן צווייטן און זיך אָנגעקוקט, זענען בייביידע די אויגן געווען אַ ביסעלע נאסלעך...

״דערמאָנט זיך, ווייזט אויס, די זעלבע צייטן...״ — האָט מעלמאן געזאָגט.

״ניין...״ — האָב איך אים פאררעכט — ״די זעלבע מענטשן, וועלכע זענען נישטאָ...״

נישט זכרונות פון צייטן רופן ארויס טרערן, נאר דערמאָנונגען וועגן מענטשן.

מיר זענען שפעטער געזעסן שעהענלאנג ביי מיר אין דער היים און געשמועסט. געשמועסט? ניין, נישט קיין שמועס איז דאָס געווען, נאָר אַ שנעל אָנוואַרפן פון פארשטויסענע זכרון־ווינקלען, ווי פון אונטערבאַוווסטזיין, דערמאָנונגען, איבערלעבונגען, מענטשן און

געשעעניש‌ן, ווען איינער „קריכט" אריין דעם צווייטן אין זיינע רייד, גיט צו, בעסערט אויס, דערמאָנט פּרטים, שטריכן.

געלא איז אין דער היים געלעגן קראַנק אין בעט, ער איז געקומען „אויף אַ מינוט, בלויז זיך צו זען..." ער איז כסדר געלאָפן צום טעלעפאָן געלא האָט פאַרשטאַנען דאָס נישט געזאָגטע און „פאַרלענגערט" אונדזער צוזאמענטרעף. די שעהען זענען געלאָפן...

ער האָט איבערגעקוקט ביכער אין מיין ביבליאָטעק, ספּעציעל פון געמיינזאם־באַקאַנטע שרייבער. ער האָט אראָפּגענומען פון אַ פּאָליצע ישראל עפרויקינס בוך „אין חלום און אויף דער וואָר". דאָס בוך איז דער־שינען אין דער מלחמה־צייט אין ניו־יאָרק, ווען עפרויקין און איך האָבן געלעבט רואיק אין ווייטן פון פראַנט, מאָנטעווידעאָ, די הויפּטשטאָט פון אורוגוויי. מען האָט געצווייפלט צי מען וועט נאָך אמאָל קאָנען צוריקקערן קיין פאריז. מעלמאַן האָט מיט שוועריקייט געלייענט די „כמעט־היעראָגליפישע", ווי עפרויקין אליין פלעגט זי באַצייכענען, האַנטשריפט זיינע, ווי ער האָט פאַר מיר דיקטירט זיין בוך: „— — — צום אָנדענק פון אונדזערע פאַריזער יאָרן און מאָנטעווידעער טעג". מעלמאַן האָט מיך אַ לענגערע ווײַלע פאַרטראַכט אָנגעקוקט און געזאָגט:

„מיט, יאָרן' האָט ער באַצייכנט אייער סטאַבילקייט, דויערהאַפטיקייט, און דורך, טעג' די ציטווייליקייט, פאַרבייגייענדיקייט. אויך דו־און איך אליין דען נישט? — האָב געהאַלטן פאַר מעגלעך דאָס 'יאָרנשאַפט', זאָל מיר דערלויבט זיין אַזוי זיך אויסדריקן, אין פאריז, אָדער ערגעץ אַנדערש אין די תפוצות אונדזערע 'יאָרן' מרדכי, זענען ווירקלעכקייט, 'אויף דער וואָר' בלויז אין ארץ־ישראל. אומעטום, וווּ עס זאָל נישט זיין אויף דער וועלט, זענען בלויז 'טעג' — אויך עפרויקין האָט דאָך, ווי מיר, אַנדערש געדענקט, אָבער נאָך גאַנץ פרי אָנערקענט און דערגרייכט צום אמת..."

★ ★
★

איך בין אָנגעקומען קיין פאריז אין דער צייט ווען די מעלמאַנס זענען געווען אין ביראָבידזשאַן. מיר האָבן זיך באַקענט גלייך ווי זיי זענען צוריקגעקומען. איך האָב שוין דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין דער, נאָך

פעריאָדישער קאָמוניסטישער פּרעסע אין יידיש, ווען מען איז שוין פיבערהאפט אָנגענגאנגען מיט די צוגרייטונגען ארויסצוגעבן די טאָג־צייטונג. מען האָט, פארשטייט זיך, "געקוקט קרום" אויף זיין צוריקקומען פון "דאָרטן", גערעדט מיט פארדאכט, זיך געסודעט ארום דעם, וועגן "פאַרלאָזן דאָס אויסגעטרוימטע און אויסגעקעמפטע היימלאנד פון אלע ארבעטנדיקע". מעלמאן האָט פארביסן געשוויגן, פאר מיר, אַ נייעם, פשוטן זעלנער, אודאי און אוודאי — אפשר האָט ער פאר אנדערע יאָ געעפנט דאָס הארץ, איך ווייס נישט — און אויף מיינע פראגעס האלב אלס חבר און חצי אלס זשורנאליסט שוין, — געענטפערט מיט אַ שמייכל און אן אָפּפטרנדיקן: "גיי שוין, גיי... לאז עס צורו..." דאָך געדענק איך פון דעמאָלט גוט זיינע, ארויסגעבאפטע אפשר, אויסדרוקן וועגן "אנטוישנדיקע חלומות..." — אַ וואָרף געטאן, אַ זאָג, און נישט מפרש געווען.

ער האָט זיך, מיט זיין נאטירלעכער ענערגיע, געוואָרפן צו געזעלשאפטלעכער ארבעט, ספּעציעל אין האנטווערקער־פארבאנד. איך האָב נאכגעפאָלגט די טעטיקייט פון "פארבאנד פון יידישע האנטווערקער", שוין אלס מיטרעדאקטאָר פון די "נייע פרעסע", ווי אַ טעגלעכע צייטונג. מאקס מעלמאן איז געווען אין דער טעטיקייט דער לעבעדיקער פירנדיקער נערוו. ער האָט מיטגעצויגן מיט זיך די אנדערע. איך האָב דאָס געזען אויף זיצונגען פון דער פארוואלטונג און סעקרעטאריאט, אין וועלכע איך פלעג אָנטייל נעמען, כדי צו באריכטן אין דער צייטונג. ווען דער האנטווערקער־פארבאנד האָט זיך פארוואנדלט אין אַ "צענטראלע פון יידישע האנט־ווערקער און פאסאָניערס אין פראנקרייך", האָט מעלמאן גלייך גענומען חלומען וועגן ארויסגעבן אַן אייגענעם פאך־אָרגאן. דאָס איז נישט געווען לייכט און נישט פארווירקלעכט געווארן אזוי שנעל.דאָס איז דורכגעפירט געווארן ערשט אין יאָר 1938.

אין דערמאָן זיך גוט דעם אָוונט, אנהייב זומער, ווען איך האָב זיך געטראָפן, אויף זיין טעלעפאנישער באשטעלונג מיט מיר, מיט מעלמאנען אין אַ קאפע־הויז אויפן רעפובליק־פלאץ, ווען ער האָט מיר מיט אַ שיינענדיקן פנים און עפעס אַ פייערלעכקייט אין דער שטים, געזאָגט:

"שוין באשלאָסן... מיר גיבן ארויס דעם האנטווערקער..."

ער איז צו מיר געקומען אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג, מיט דער ווענדונג, איך זאָל איבערנעמען די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל. מיר איז נישט לייכט געווען אויף דעם מסכים צו זיין. איך בין געווען סטאַביל באַשעפטיקט אַלס אינערלעכער מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פון דער טאָג־צייטונג. "און דו ווייסט דאָך, מאַקס, אַז איך רעדאַגיר דעם חודש־זשורנאַל 'יידישער קליינהענדלער' — איך האָב קיין צייט נישט". מעלמאַן האָט אַבער געהאַט אַן איבערצייגונג־כוח, וואָס האָט ממש אַרויפגעצוווּנגען. ער האָט צוגעזאָגט מיר צו העלפן, "צושטעלן דיר בלויז גוטן מאַטעריאַל..." ער האָט מיך "איינגעביסן" און איך האָב די אַרבעט אָנגענומען.

וועגן נאָמען פון דער צייטונג האָט ער שוין געהאַט פאַרויס באַשלאָסן: "איך בין קעגן קלינגענדיקע און פּרעטענציעזע נעמען. מיר וועלן קומען צום יידישן בעל־מלאכה מיט אונדזער וואָרט, מיט אונדזער מיי־נונג, דעריבער האַלט איך פאַר צוגעפּאַסט, האַנטווערקער־וואָרט'. פּשוט — דאָס דאַרף עס זיין..." גלייך אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט אין רעדאַקציע אַריין אַ פּעקל כתב־ידן פון פאַרשיידענע טוער און אויך עטלעכע אָנוואָרפן פון צייכענונגען פאַרן "קעפּל" פון דער צייטונג, וואָס ער גופא האָט געצייכנט. מיר האָבן צוזאַמען אויסגעוויילט די צייכענונג זיינע, וואָס איז טאַקע דערשינען בראש פון דער אויסגאַבע.

עס לאָזט זיך פיל רעדן און דערציילן וועגן מעלמאַנען דעם בעל־מלאכה. זיינע אַרבעטן פלעגט ער מאַכן מיט געשמאַק, אויספּאַרטיקן מיט אַ בליק פון אַ קינסטלער. ער איז געווען אָבער ראשית־כל אַ קולטור־מענטש בעת אַלע זיינע טעטיקייטן. צום ערשטן נומער "האַנטווערקער וואָרט" האָב איך באַקומען די אויפגאַבע אין אַ קורץ אַרטיקעלע אויף דער ערשטער זייט, אין נאָמען פון רעדאַקציע, אַרויסצוברענגען די אויפגאַבן און צילן פון זשורנאַל. איך האָב, דערמאָן איך זיך שטענדיק, געבראַכט צו מעלמאַנען דאָס דאָזיקע אַרטיקעלע א.נ. "דער ערשטער נומער". איך האָב דאָרט געשריבן אַז דאָס וועט זיין אַ "פאַקטאָר אין קאַמף פאַר אונדזערע רעכט", "אָרגאַניזאַטאָר פון יידישן בעל־מלאכה אין פראַנקרייך" א.א. מעלמאַן האָט עס איבערגעלייענט און זיך אָפּגערופן: "איין זאַך האָסטו פאַרגעסן, אַ וווּנדער..." און ער האָט גלייך צוגעשריבן ביי דער זייט מיט דער האַנט: "דאָס 'האַנטווערקער־וואָרט' מוז און וועט ווערן אַ וויכטיקער

קולטור־טרעגער, אויפקלערער פאַרן יידישן האַנטווערקער און פּאַסאַניער״.

פאַקטיש דאָס פּראָגראַמאַטישע אַרטיקל אין דעם נומער איז געווען פון מ. מעלמאַן א. נ. ״דער יידישער האַנטווערקער אין פראַנקרייך, זיינע נויטן און קאַמפן פאַר זיינע רעכט״, וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע צווייטע זייט פון דער צייטונג. דאָרט איז דאָ אַ קורץ־געפאַסטער אַריינפיר וועגן כאַראַקטער פון יידישן בעל־מלאכה אין מלאכה אין פראַנקרייך און זיינע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז גילטיק און לייענט זיך מיט אינטערעס אויך היינט.

★ ★
★

צום סוף אַ כאַראַקטעריסטישע איבערלעבונג אין פאַרבינדונג מיטן ״האַנטווערקער־וואָרט״.

אין יענער צייט, אין סוף 30־ער יאָרן, האָט דער באַרימטער העברעיש־יידישער קאָמוניסט און דיכטער זלמן שניאור פּלוצלינג גענומען מיטאַרבעטן אין דער קאָמוניסטישער טאָג־צייטונג ״נייע פּרעסע״, פאַרלאָזנדיק דעם ציוניסטישן ״פּאַריזער היינט״. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אויב שניאור וועט עפּעס דרוקן אין ״האַנטווערקער־וואָרט״, וואָס איז דאָך געווען אַ צייטונג פון זעלבן לאַגער פאַקטיש, ווי די ״נייע פּרעסע״, וועט עס זיין פון גרויסן ווערט פאַר דער אויסגאַבע. אַזוי ווי איך האָב שניאורן געקענט פּערזענלעך פון דער ״נייע פּרעסע״ האָב איך צו אים טעלעפאַנירט און געפרעגט צי דאָס איז מעגלעך. ער האָט געבעטן אים שיקן דעם ערשטן נומער, ״כדי צו זעען וואָס דאָס איז פאַר אַ באַשעפעניש...״ אויפן אָרט האָב איך פאַרגעלייגט, אַז מיר וועלן אים ברענגען אין שטוב אַריין דעם נומער און רעדן וועגן זיין מיטאַרבעט. איך האָב געטראַכט, ראשית־כל, אַז מען דאַרף אים זאָגן, אַז קין האָנאָראַר קאָן די צייטונג נישט צאָלן... ער האָט גלייך דערקלערט זיין גרייטקייט אונדז אויפצונעמען ביי זיך אין דער היים. אין דער באַשטימטער צייט זענען מיר, מעלמאַן און איך, אַוועק־געפאָרן צו שניאורן, הינטער פּאַריז, דוכט מיר אין פּאַנטענוי. ער האָט אונדז באמת פריינטלעך אויפגענומען, זיך אויסגעפרעגט וועגן די האַנטווערקער־פאַרבאַנדן, זייער טעטיקייט. ער

האָט געזאָגט: ״איך האָב די טעג אָנגעשריבן אַ ניי ליד, דרוקט אָפּ אין צווייטן נומער דאָס ליד און פאר די ווייטערדיקע נומערן וועל איך אייך געבן צוגעפּאסטע קורצע דערציילונגען וועגן לעבן פון יידישע בעל־מלכהס״. ער האָט אונדז גלייך געגעבן דעם כתב־יד פונעם ליד און אָנגעשריבן אויפן אָרט אַ באַגריסונג: ״נעמט אָן מיין וואַרעמע באַגריסונג צום דערשיינען פון אייער האַנטוווערקער צייטונג, וואָס איז אַ קולטור־סימן, אַז די יידישע האַנטוווערקער אין פראַנקרייך אָרגאַניזירן זיך און ווייסן ווי צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן״.

זלמן שניאור האָט, ווי באַקאַנט, געהאַט אַ שם אַלס גרויסער געלט־גייציקער. זאָל זשע געזאָגט ווערן, אַז ווען מעלמאַן האָט אים דעליקאַט באַמערקט, אַז ״אַלע אַרבעטן פאַרן האַנטוווערקער־וואָרט׳ פרייוויליק...״ האָט שניאור אים איבערגעריסן: ״חלילה, איך וויל ביי אייך גאָרנישט, איך ווייס ווי עס זעען אויס מאַטעריעל די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע״. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, דרך אגב, איז אין דער ״נייע פּרעסע״ האָט ער אויך מיטגעאַרבעט בלויז פאַר אַ סימבאָלישן האָנאָראַר, אפילו וואָס נישט ער, נאָר זיין ברודער, פלעגט אָפּנעמען.

אַהיימפאָרנדיק, אין אויטאָבוס, האָט איך אַרויסגענומען דעם כתב־יד און אים איבערגעלייענט. דאָס ליד איז מיר נישט בלויז נישט געפעלן, נאָר איך האָב עס איבערגעגעבן מעלמאַנען: ״לייען... קוואַטש, אויב נישט גראַפאָמאַניע...״ מעלמאַן האָט פאַמעלעך איבערגעלייענט דאָס ליד, צוריק איינגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר און מיר אָפּגעגעבן: ״באַהאַלט עס...״ אַ מינוט שפּעטער, האָט ער מיך געפרעגט: ״מיט וועלכער שריפט גיסטו די נעמען פון די שרייבער?״ ״אין צווייטן נומער?״ — האָב איך געפרעגט — ״מיט דער זעלבער ווי אין ערשטן נומער — 12־ער שריפט״. מעלמאַן האָט רואיק געענטפערט: ״וועט איבער שניאורס ליד געבן דעם נאָמען פון אויטאָר מייט 14־ער, אָדער נאָך בעסער — מיט 16־ער... דער נאָמען וועט פאַרדעקן און באַשירעמען דעם אינהאַלט פון ליד...״

אויף דער ערשטער זייט פון צווייטן נומער ״האַנטוווערקער־וואָרט״, אין סאַמע מיט, האָבן מיר געגעבן אַ גרויס בילד פון זלמן שניאור אונטער אַ קעפּל: ״זלמן שניאור דער באַרימטער יידישער שרייבער — מיט־אַרבעטער פון, האַנטוווערקער־וואָרט׳״, צו שניאורס באַגריסונג, ביי דער זייט, האָט מעלמאַן זיך נישט פאַרלאָזט אויף מיר, נאָר אַליין אָנגעשריבן:

„מיט פרייד און שטאָלץ ברענגען מיר די באַריסונג פון זלמן שניאור, דעם באַריטן יידישן שרייבער. מיט פרייד וועלן אונדזערע לייענער אויפנעמען די ידיעה, אַז דער גרויסער מייסטער פון יידישן וואָרט, וועט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אָרגאַן פון יידישן בעל־מלאכה אין פראַנקרייך". אינעווייניק, אויף איינער פון די 12 זייטן איז געדרוקט געווען דאָס „ליד פון באַלאַגערטן קעמפער" — דער נאָמען „זלמן שניאור" איז געווען איבערן ליד — מיט גאָר גרויסער שריפט...

אין דערמאָן זיך נישט ווי עס האָבן אויסגעזען די ווייטערדיקע נומערן „האַנטווערקער־וואָרט" און וואָס שניאור האָט אין זיי געדרוקט. עס דערמאָנען זיך מיר נאָר די אָפטע באַראַטונגען, וואָס איך פלעג אָפּהאַלטן מיט מעלמאַנען, איבעררייסנדיק אים די אַרבעט אין וואַרשטאַט אויף 60 רי טראַווערסיער, אין צוועלפטן אַראַנדיסמאַן, ווו עס איז פאַקטיש געווען אונדזער רעדאַקציע...

★ ★
★

לאָלא קובלאנאָוו

# אין זיין קרייז

מיר האָבן זיך באקאנט אפשר צו שפעט. אבער שוין דער ביי דער ערשטער באגעגעניש האט עס אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט אַ שאָק מיט יאָרן! עס איז גלייך אנטפלעקט געווארן יענע בשותפוסתדיקייט וואָס פאַרבינדט מענטש מיט מענטש. דאס בשותפודיקע איז געווען אונדזערביידנס אלטע ליבע צו יידיש לשון און יידישע ליטעראטור.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין ירושלים בין איך שוין געווען לאנגע יאָרן אָפּגעריסן, ווייט ווייט פון יידיש לשון און אַ יידיש בוך. אונדזער באקאנטשאפט איז אָבער געווען פאר מיר אַ צוריקקער צום קוואל, ווי איך וואָלט אָפּגעזוכט אן אלטע אבידה. איך בין צוגעפאלן צום קוואל צו וועלכן מאקס מעלמאן האָט מיך דערנעענטערט.

מאקס האָט גלייך נאך זיין עולה זיין קיין ירושלים אָנגעהויבן זוכן פשוטע "יידישע יידן", יידיש-לייענער, און ער האָט זיי געפונען! ער האט געזאמלט ארום זיך אַ קרייז פון יידן, וואָס האָבן געבענקט נאָכן לעבעדיקן יידישן וואָרט. אין דעם קרייז האָט ער ער פארלייגט די יסודות פון דער אָרגאניזאציע "צוותא ביידיש", און ער איז געווארן זיין צענטראלער באגייסטערער וואָס האָט מיטגעריסן אלע זיינע נאָענטע און באקאנטע. ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן מיט יוגנטלעכן ברען און באגייסטערונג און אָנגעשטעקט אלע זיינע פריינט מיט דעם ענטוזיאזם וואָס ער האָט פארמאָגט.

עס האָט לאנג ניט געדויערט און ער האָט געגרינדערט אַ ביבליאָטעק, האָט אנגעהויבן אראנזשירן קולטורעלע צוזאמענטרעפן, ליטעראריש-קינסטלערישע און פאָליטיש-געזעל-שאפטלעכע צוזאמענקומען. לויט זיין איניציאטיוו האָט די קולטור-געזעלשאפט "צוותא" אין ירושלים איבערגעבן די יידישע לייענער און צוהערער צוויי קליינע חדרים פון איר בנין, און אַ גרעסערן זאל פאר רעפעראטן און קינסטלערישע אָוונטן, וואָס האבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

אין דערמאָן זיך יענע טעג ווען מאקס, אַ מונטערער מיט אַ שיינענדיק פנים, האט מיר דערציילט אז ער האָט שוין אַ כרטסת, אַ צעטל פון "דריי טויזט מיטגלידער". אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג פאר יידיש אין ירושלים! נאָכדעם האט ער ארויסגעלאָזן זיין יידישע איבערזעצונג פון ל. טרעפערס היסטאריש ווערק "די רוייטע קאפעליע". מאקס איז אליין געווען דער איבערזעצער, דער פארלעגער און פאר־שפרייטער פון דעם בוך. מען וואָלט געקענט וועגן דעם שרייבן און שרייבן.

מאקס מעלמאן איז געווען אַ טרוימער און אַ קעמפער. זיין געדאנק איז געווען הארמאָניש מיט זיינע מעשים. לויט זיין טבע אַ באשיידענער מענטש, איז ער אבער געווען אויסגעהאלטן און קאנסעקווענט אין זיינע פרינציפן, אָן דעם מינדסטן אָפּנויג. זיין לעבן איז געווען אַ לעבן פון "שטורעם און דראנג", און מען דארף צוגעבן, אז ער וואָלט ניט געקאָנט דורכגיין זיין שטורמיש לעבן אָן דער הילף פון זיין באגלייטערן אויף זיין לעבנס־וועג, אַ לעבן פון גרויסע אויפטוען פאר זיין פאָלק, זיין קולטור און פאר זיין מדינה.

★ ★
★

**שלמה שאפראן ז״ל**

# מאקס מעלמאַן

מיט טיפן צער האָב איך אויפגענומען די ידיעה, אַז מיין לאַנגיאָריקער חבר מאַקס מעלמאַן איז מערנישטאָ. שווער, זייער שווער צו גלייבן, אַז דער אימפולסיווער, מאַקס, שטענדיק קאַמפס־גרייטער און פול מיט ענטוזיאַזם פאַר יעדער אַרבעט זיינער — איז אויף אייביק געוואָרן איינגעשטילט.

יאָרן־לאַנג האָט אונדז פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינדשאַפט, וועלכע האָט זיך געצויגן גלייך פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און אונדז באַגלייט פון פאַריז ביז ישראל.

מאַקס מעלמאַן האָט געהאַט הינטער זיך אַ רייכע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרגאַנגענהייט. זיין ברויזנדיקע נאַטור האָט אים שטענדיק אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע געגלייבט באמונה שלימה, אַז די ישועה פאַר יידן, און ספּעציעל פאַרן יידישן אַרבעטער, וועט קומען פון דאָרט, ווו די שפּעטער אַרויסגעוויזענע פאַלשע און גוט אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַרדעקט דעם אמת. און ער האָט געגלייבט אויף אַזוי ווייט. אַז ר׳האָט זיך נישט געוואַקלט צו פאַרלאָזן די רייכע, שיינע פראַנקרייך און אַוועק העלפן בויען די ״יידישע אויטאָנאָמע געגנט״ אין בירָאבידזשאַן, געקומען אַהין און דערזען דעם אמת, נאָר אַ דאַנק זיין קעמפערישע נאַטור, איז אים, מיט דער גאַנצער גרופּע אין וועמענס שפּיץ ער איז געשטאַנען, געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דאָזיקן ״גן־עדן״ און צוריקקומען קיין פאַריז.

מאַקס איז אָבער נישט געווען פון די איבערלויפער, וואָס פאַלן אַריין פון איין עקסטרעם אין צווייטן. ער איז געבליבן טריי זיך אַליין און זיינע איבערצייגונגען, זיין לאַנגיאָריקן קאַמף פאַר דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יושר, אָבער דאָסמאָל — אויף געזונטע יסודות, מיט אַ פעסטן און אייגענעם באָדן אונטער די פיס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אים דערפירט צו מפ״ם, ווו ער האָט געפונען אַ תיקון פאַר זיינע פּאָליטיש־אידעישע אַספּיראַציעס. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען כמעט דער איינציקער פאָרשטייער פון מפ״ם אין פאַריז, פון די ערשטע וואָס האָבן

געהאָלפֿן שאַפֿן די יידישע־גרופּע ״פריינט פון מפ״ם״ און מיט איר מיטגעאַרבעט ביז זיין עולה זיין קיין ישראל.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס שפּיגלט אָפּ די ערלעכע קאָנסעקווענטיקייט פון מאַקסן. זייענדיק אויף אַ באַזוך אין לאַנד אין זומער 1973, האָט אים פאַרכאַפּט די יום־כיפור מלחמה. ווי אַ פראַנצויזישער בירגער, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט, ווי דאָס האָבן אַנדערע גלייך געטאָן, צו אַנטלויפן פונעם פייער און זיך אומקערן אין פּאַריז. ער אָבער האָט דאָס נישט געטאָן. נאָך מער — גראָד אין יענער צייט האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו קויפן אַ וווינונג אין ירושלים און אזוי אַרום אויסדריקן זיין סאָלידאַריטעט מיט דער מדינה.

נאָכן פאַרענדיקן פון דער מלחמה, פאָרט מאַקס צוריק קיין פּאַריז און נעמט זיך גלייך גרייטן צו זיין עליה, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין איינציקער זון, שנור און אייניקלעך בלייבן אין פּאַריז. אויך דאָ, אין ישראל, האָט ער זיך שנעל איינגעבירגערט, געוואָרן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. ער איז איינער פון די גרינדער פון ״צוותא ביידיש״ אין ירושלים ביי מפ״ם.

צווישן זיינע לעצטע אויפטוען איז אויך געווען דאָס איבערזעצן פון פראַנצויזיש אויף יידיש דאָס בוך פון זיין חבר לייב דאָמב־טרעפּער ז״ל: ״די רויטע קאַפּעליע״ און אַליין זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

זיין טרוים איז געווען צו פאַרענדיקן און אַרויסגעבן די איבערלעבונגען בעת זיין ״ביראָבידזשאַנער אַוואַנטורע״ — ער האָט עס נישט דערלעבט.

מיטן פריצייטיקן טויט פון מאַקס מעלמאַן, האָבן מיר פאַרלוירן אַן ערלעכן, איבערגעגעבענעם אַרבעטערטוער און אַ גוטן חבר, וועלכן ס׳איז שווער צו פאַרגעסן.

זאָל זיין פרוי גילה, צוגלייך מיט אונדז, זיינע חברים, געפינען אין איר גרויסן פאַרלוסט, אַ טרייסט אין דעם גוטן נאָמען, וועלכן מאַקס האָט געלאָזן.

כבוד זיין אָנדענק!

**ישראל נייגעבוירן**

# דער לעבנסוועג פון מ. מעלמאַן

צום סוף פון די צוואַנציקער יאָרן און אין אָנהויב פון אונזער יאָהרהונדערט קומען א סך יידישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, קאָמוניסטיש איינגעשטעלט, קיין פראַנקרייך צווישן זיי געפינט מען מאַקס מעלמאַן, מיט זיין פרוי גילא.

